STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05461

LIDER

B. Kovner

Permanent preservation of this book was made possible
by Debbie Glick
in memory of
Yetta & Sidney Glick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ו. אַדלער

י. אַדלער

לידער

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבען פון
י. אדלער יובילעאום-קאָמיטע
(צו זיין 50-יעהריגען יובילעאום)
פארלאג „וועקער",
175 איסט בראָדוויי
ניו יאָרק, 1924

Copyright 1924
by
J. Adler

200

מיין היים

י. אדלער

אידיש

דאָס שטעדטעל, דאָס קליינע, פון וואַנען איך קום,
איז רוהיג און אָרים, איז כשר און פרום,
פרום און אַלטמאָדיש און חסידיש;
די פרויען, זיי זיינען דאָרט צנועהדיג־שעהן;
די מיידלאַך נאָך שעהנער און, אוי, מלא־חן,
און הארצעדיג, אמת׳דיג, אידיש.

דאָס טייכעל פון שטעדטעל רוישט אידיש און פרום,
און אידישלאַך שמעקט דאָרט א יעטוועדע בלום,
פאר׳דבקה׳ט זיך שאָקלען די זאנגען;
און וויינט זיך אמאָל דאָרט פאַנאנדער דער ווינד,
דאַן דוכט זיך עס יאָמערט אַ אידישעס קינד,
וואָס איז פון אַ טרויער געפאנגען.

מיט אידישע שמחות דאָס שטעדטעל איז פול,
און אידיש מען רעדט דאָרט אין גאַס און אין שול,
דאָרט זינגען די פייגעלאַך אידיש!
דאָרט שפינט זיך ביי אידען אַ אידישער טרוים,
דאָרט רוישען אויף אידיש די בלעטער פון בוים,
איך זאָג אייך, אַ שטעדטעל אַ חידוש!

זומער־פייגעלאַך

שעהן און ווארעם איז אין דרויסען ;
אין די גערטנער שטעהען בוימער,
אויסגעפוצט אין ווייסע צוויטען,
אַנגעפילט מיט נייע כחות,
און די זאפטיג־פולע צווייגלאַך
ציהען צו די בלויע הימלען.
און די זון, זי גיסט ארונטער
ליבע שטראַלען אויף די פעלדער,
אויף די בערג און גרינע טאָלען,
אויף די שעהנע, אויף די יונגע
בלומען־קנאָספען ;
און אַ לינדער פרילינג־ווינטעל,
ווייך און לאַשצענד ווי אַ סאַמעט,
האַלזט און קושט די יונגע גרעזלאַך.
און די פייגעל
מיט די גלאַנציג־גרינע טשוביקס
אויף די שווארצע סאַמעט קעפלאַך,
און מיט קליינע רונדע אויגלאַך,
און מיט טונקעל־רויטע העלזלאַך,
און מיט דינע געלע שנעבלאַך,
און מיט גאָלד־און־זאַפראַן פליגעל,
פייפען, פישטשען, זינגען שירה,
פליהען פרעהלאַך אין דער לופטען,
און זיי איילען אין די וועלדער,
און זיי טראָגען אין די פיסקלאַך
ווער אַ שטרוי און ווער אַ גרעזעל,
אויסצובעטען זיך די נעסטען.
אַט באַווייזט זיך גאָר אַ שעהנער
רויט־געפלעקטער זומער־פויגעל ;

איך און איציק —
אונזער שכן׳ס איינציג אינגעל —
לויפען האסטיג מיט די היטלען,
און מיר ווארפען זיי אין לופטען —
און ניט אנדערש ווי גאָר כאפּען
ווילען מיר דעם זומערפויגעל.
און אָט שטעלט זיך אָפּ דער פויגעל
ביי דעם פּלויט פון אונזער גערטעל;
און מירביידע, איך און איציק,
לויפען ווידער מיט די היטלען.
און עס פליהט שוין איציק׳ס היטעל.
איצטער איז שוין איציק זיכער,
אז ער האָט געכאפּט דעם פויגעל.
לאנגזאם, לאנגזאם, גאָר פּאמעלאך
הויבט מיין חבר אויף דאָס היטעל.
ערשט — דאָס היטעל איז גאָר ליידיג.
און איך לאך מיך שטארק פאנאנדער:
לעקיש איינער! גולם איינער!
זעהסט ניט, שוטה, ווי דער פויגעל
פלאטערט אום שוין ביי די קוסטען?
און מיין חבר, א פארשעמטער,
קוקט אויף מיר אביסעל ברוגז,
און זיין קעפּעל איז צעשויבערט,
און די אויגלאך זיינע גלאנצען,
און די בעקלאך, דאכט זיך, בליהען,
און דאָס הערצעל הויבט זיך האסטיק,
און ער סאָפּעט שטארק פארמאטערט,
און איך הער ניט אויף צו לאכען,
און איך רייץ איהם:
לעקיש איינער! גולם איינער!
נו, געכאפּט דעם זומער־פויגעל?

אין חדר

1

„גענוג געקלעטערט אויף די ביימער,
יאַנקעלע, מיין קינד;
גענוג געקייקעלט זיך אין גערטעל,
אין חדר שוין — געשווינד!

„גענוג געפּלושקעט זיך אין טייכעל,
יאַנקעלע, מיין זוהן!
פאַרלאָז די לאָנקע און דאָס וועלדעל —
מאַך א סוף דערפון!

„גענוג געשטיפט שוין אין די קוסטעס —
וועה איז מיר און ווינד!
גענוג געהערט שוין פייגעל זינגען,
ביזט ניט מעהר קיין קינד.

„גענוג געקוקט שוין אויף די שטערען
אין א זומער נאַכט;
נעם דעם סידור, געה אין חדר,
פון א תכלית טראַכט."
אזוי געזונגען האָט מיין מאַמע
מיר דאָס תכלית־ליד.
אוים מיט פעלדער, אוים מיט בלומען,
ווייל איך בין א איד.

2

ענג און דושנע איז דער חדר,
און דער רבי בייז;
און דער קאנטשיק דרעשט די ביינער
פייערדיג און הייס.

אז איך דרעה זיך ווי א ווארעם,
פון די הייסע שמיץ,
שלאגט דער רבי פעסטער, שטארקער,
נאך מיט מעהרער היץ.
„אך, דו שייגעץ! — שרייט דער רבי
באלד נאך יעדען ריס, —
ועסט שוין וויסען, ממזר איינער,
דריגען מיט די פיס!”

צייטען פליהען, צייטען שווינדען,
ס'לויפט אוועק א יאהר;
ס'קעפעל ארבייט — כ'בין אין עברי
שוין אין גאנצען קלאר.

3

עס הייסט שוין די מאמע מיך לערנען א דרשה,
זי קוועלט אן פון נחת און פרייד;
איך קען שוין די דרשה. באלד הויב איך אן חומש,
עס רוקט זיך, עס איילט זיך די צייט.

דער טאטע, ער וויקעלט מיך איין אין א טלית,
און פיהרט מיך צום דין אוועק;

פֿאַראויס גנעהט די מאַמע, דער זיידע, די באָבע,
מען שיט אויס מיט האָפּען מיין וועג.

אין שטעדטעל איז שבת, דער הימעל איז לויטער,
עס פֿליהען אום טויבען אין לופֿט;
פֿון סעדער, פֿון וועלדער, פֿון גערטנער און פֿעלדער,
א ווינטעל, ער גלעט מיך און רופֿט.

און שבת'דיק לויכטען די געסלאך, די קרומע,
מיר קומען צום דין אריין;
דאָרט זיצען שוין אידען — א טיש א געדעקטער
מיט לעקאך און בראָנפּען און וויין.

און שטיל ווערט אין שטיבעל, איך זאָג שוין די דרשה,
די אידען, זיי זיינען פֿארגאַפֿט;
עס ציטערט מיין שטימע, דאָך איז זי מעלאָדיש,
און קלינגט מיט מתיקות און קראַפֿט.

די דרשה — וואָס ווייטער, ווערט העלער און ריינער,
און זאַנפֿטער מיט איטלאכען קלאַנג;
זי פֿליסט און זי גיסט זיך פֿאַנאַנדער אין שטיבעל,
אזוי ווי א צויבער־געזאַנג.

4

אָפּגעזאָגט איז שוין די דרשה. און מיין גרויער, אַלטער
זיידע, איינגעקאָרטשעט, איינגעבויגען,
פֿול מיט שאַרפֿע, טיפֿע קנייטשען אויפֿ'ן געלען פֿאַרמעט־פּנים,
מיט א פֿרייד אין זיינע אויגען,

נעמט ארום מיך און ער בענטשט מיך —
פון זיין הארצען קומט די ברכה:
„זאָלען פון דיר טאַטע־מאַמע נחת, פרייד און כבוד האָבען,
און באַשיינען און דערהויבען זאָלסטו תמיד די משפחה".

5

און ווידער אַ חדר,
אַ פינסטערע נאָרע.
איך שאַרף שוין מיין מוח
אויף בלעטער גמרא.

איך לערען די „בבא'ס"
און „גטין" און „ביצה".
געראונצעלט דער שטערען,
געהויקערט די פּלייצע.

און ענג איז דער חדר,
דאָ ווילט זיך ניט בלייבען,
עס רופט מיך דאָס וועלדעל
דאָרט פּאָזשימקעס קלייבען.

דער פרילינג, ער רופט מיך
מיט פאַרבען און קלאַנגען —
אַ ווינטעל אַ זומערדיגס
לויפט איבער זאַנגען.

באַלד זיץ איך אין קלייזעל
און כאַפּ שוין דאָרט פליגען,
איך קנאַק מיט די פינגער,
און ברום זיך אַ ניגון.

עס לויפען די צייטען,
עס פליהען די יאָהרען —
איך בין שוין מיט מזל
בר־מצוה געווארען.

„אַ בחור צו לייטען,
אַ פּרי — פון פּירות".
דאָך נאָגט וואָס אין הארצען,
איך האָב שוין עברות.

י. אדלער

פרייטאָג־צו־נאַכט

איך דערמאָן מיך
אויף די צייטען
פון די ליבע
קינדעריאָהרען,
ווען דער טאַטע
האָט געלעבט נאָך,
און די גוטע,
ליבע מאַמע,
און די ברידער,
און די שוועסטער,
זיינען אַלע
אין דער היים;
און מיר זיצען
ביי דעם גרויסען
טיש, דעם לאַנגען,
און די מאַמע
קוקט מיט ליבשאַפט
אויף די קינדער,
אויף דעם טאַטען,
און איהר פּנים
שיינט פון נחת —

און איך זעה
דעם טאַטען מיינעם,
ווי ער זיצט
און ווי ער שפּילט זיך
מיט די טראָלזען
פון זיין גאַרטעל,
און די אויגען

זיינע ברענען,
און די שווארצע
באָרד, די לאנגע —
וואו־ניט־וואו א
זילבער־האָרל —
גלעט ער מיט די
פינגער זיינע;
און די מאמע,
מיט א מילדען
שבת־שמייכעל
אויף איהר פנים;
מיט א ברוסט־טוך
אויף איהר הארצען,
אויף איהר קאָפּ —
א שטערן־טיכעל,
אויסגעפלאָכטען
פון רובינען
און פון פערל,
אין א בלויע
זיידען קליידעל,
מיט א ברייטען
אטלעס־קאפטעל.

העל און ליכטיג
איז דאָס שטיבעל,
און דער אַלקער,
און דאָס גערטעל,
און דאָס קליינע
ווייסע הייזעל;
פון די זיבען
חלב־ליכטלאך,

י. אדלער

וואָס זיי ברענען
שטיל און הייליג
מיט א גלען,
פרומען שיין.
און די דינע
פלאמען־צינגלאך
ציהען רוהיג,
וואקסען העכער
פון מנורה,
מיט א ציטער,
און זיי וויגען
זיך אין לופטען.
אין דעם טאטענ׳ס
זילבער־בעכער
גליט, ווי פייער,
אונזער רויטער
קידוש־וויין.

און איך הער
דעם טאטענ׳ס זמירות,
און זיין זמר
און זיין ניגון
קלינגט מיט
שמחה׳דיגען טרויער,
און מיר, קינדער,
העלפען פריילאך
מיט דעם טאטען,
און דער זמר
ווערט אלץ העכער,
הייסער, שטארקער,
און עם פייקעלט שוין

דער טאַטע
מיט די פינגער
אויף אַ טעצעל;
און די טעלער,
און די מעסער,
און די גאָפּלען,
און דער בלאַנקער
קידוש־בעכער,
זינגען, דאַכט זיך,
מיט דעם זמר.

נאָך די זמירות
געהט דער טאַטע
צו צום גרויסען
אַלמער ספרים,
וועלכער שטעהט זיך
אין אַ ווינקעל
שוין פון לאַנגע,
לאַנגע יאָהרען —
נעמט ארויס
אַ גרויסען ספר,
און ער זעצט זיך
ביי דער מנורה
און זיין שווארצע
באָרד, די לאַנגע,
שפּרייט זיך אויסעט
אויף די בלעטער.
ער פאַרטראַכט זיך,
ער פאַרקלערט ז״ד,
ברומט אַ ניגון,
וועבט אַ חלום.

מיר, די קינדער,
זיצען אלע
מיט דער מאמען
ביי דעם קארשענבוים
אין גארטען,
און דער הימעל
איז א טיפער
און א בלויער,
פון די שטערען
פאלט א דינער
זילבער-שטויב
אויף די בוימער,
אויף די יונגע
צוקער־שויטען.

און דער טאטע
זיצט אין שטיבעל
אלץ פארטיפט נאך
אין דעם ספר,
ביז די ליכטלאך
פון דער מנורה
נעמען צאנקען,
נעמען גוס'ן...
און עס שפרינגען
שווארצע שאטענס
אויף די בלעטער
פון דעם ספר.
און אין שטיבעל
איז שוין פינסטער.
און דער טאטע,
הענט אין ארבעל,

קומט אַרוים צו
אונז אין גאָרטען.

שטילער, שטילער,
ווערט די וועלט,
און דער הימעל —
טיפער, ברייטער;
און די שטערען
ברענען העלער;
און אַ גוטער,
גוטער חלום
וויקעלט אונזער
גאָרטען איין.

י. אַדלער

שבת נאָך טיש

אָפּגעגעסען,
אָפּגעזונגען אלע זמירות,
און עס האלט שוין נאָך דעם בענשען —
דעמאָלט געהט דער טאַטע שלאָפען
און געניסען עונג שבת;
טוט זיך אויס דאָס ווייס כאַלאַטעל
מיט די טונקעל־בלויע קווייטען,
הענגט אריין דאָס אין דער שאַפע,
גלעט זיך אויס די באָרד בנעימות,
ציהט פון דאָרט ארויס א האָרל,
געהט זיך צו צום ספרים־אַלמער,
נעמט ארויס אן „עין־יעקב״,
לייגט דאָס האָרל אין די בלעטער,
שטעלט צוריק אוועק דאָס ספר,
געהט פּאַמעלאַך צו צום בעטעל,
שלעפּט פון דאָרט ארויס א קישען,
לייגט דאָס קישען אויף דער סאָפע,
ציהט זיך אויס און ווערט אנטשלאָפען.

און א זונען־שטראַל א העלער
ווי א ליכטיג גאָלדען שלענגעל
קומט אראָפּ פון הויכען הימעל,
דרינגט אריין אין אונזער שטיבעל,
פּויזעט, קלעטערט צום געלעגער,
קריכט דעם טאַטען אויפ׳ן פּנים,
גלעט און קושט דאָס רעכטע אויער,
שפּילט זיך מיט זיין שווארצער פּאָה.

און די מאַמע ראַמט די כלים
פון דעם לאַנגען טיש אַרונטער,
און פאַרשפּרייט דאָס רויטע טישטוך
מיט די לאַנגע דינע פרענזלאַך,
טוט זיך אָן דאָס ווייסע פאַרטוך
אויפ׳ן פּאַפּעליאַטע קליידעל,
אויף דעם קאָפּ דאָס זיידען טיכל,
און זי זעצט זיך ביי דעם פענסטער
מיט דער גרויסער „צאינה וראינה״.

און אָט בין איך שוין אין דרויסען.
אין דעם געסעל טרעף איך איטשקען —
אונזער שכן׳ס איינציג איינגעל —
און מיר לאָזען זיך צום חדר,
אין דעם ענגען, דושנעם אַלקער,
מיט דעם רבי׳ן פּרק זאָגען.
נאָך דעם פּרק פיהרט דער רבי
אונז אַוועק אין אַלטען קלייזעל
זאָגען תהלים און מעמדות,
„גלייך מיט אַלע גרויסע אידען.״

און מיר געהען. פון דער ווייטענס
אויף די פעלדער שטעהען גאַרבען,
אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות,
ערשט אַרוים פון שניטער׳ס קאָסע.
און אָט זעהט זיך פאַן דאָמבראָווסקי׳ס
ברייטע, לאַנגע האָפּען־פעלדער,
אויף די הויכע דינע שטאַנגען
דראַפּען זיך די האָפּען־צווייגלאַך
פול מיט קליינע, ווייסע בלימלאַך.
און עס ציט מיך ווי אַ מאַגנעט

י. אדלער

צו די נאָהענטע קליינע גערטנער
מיט די יונגע פלוימען־בוימלאַך,
מיט די הויכע קוקורוזעס,
מיט די זיסע אַרבעס־שויטען.

און דער „סאַן", דער טייך, דער קלאָרער,
רופט מיך צו די קיהלע כוואַליעס,
טוקען זיך אין בלויען וואַסער,
וואַרפען שטיינדלאַך, מאַכען „קאַטשקעס",
און זיך פּלושקען מיט חברים.

און מיר שטעהען שוין ביים קלייזעל.
אַלטע גרויע ברודנע ווענטלאַך,
און א גרין באַוואַקסען דעכעל,
בלאָטיג־קליינע שמאָלע שויבלאַך,
און א פּאָר צודרעהטע טרעפּלאַך
פיהרען אונז אויף קרומע וועגלאַך
אין דער פינסטער. ביז מיר קומען
אין א קליין־פאַרשטיקטען חדר.
וואו די לופט איז פול מיט חלב,
און מיט שטויב דאָס ביסעל ספרים;
וואו פאַרצויגען מיט א שפּינוועבס
איז דער אַלטער אָרון־קודש.
און עס מוטשעט זיך דאָס פלעמעל
פון דעם הייליגען „נר־תמיד".

און רב נחמן דער מלמד
שטעהט ביים עמוד, זאָגט דעם תהלים,
זאָגט א פּסוק־נאָך־א־פּסוק,
און די אַלטע תהלים־זאָגער
כאַפּען אונטער יעדען פּסוק,

און מיר דאכט זיך, אז פארזאמעלט
האָבען זיך דאָ ניט קיין מענשען,
נאָר א גרויסע מחנה בינען.

און איך פיהל זיך ווי א פויגעל
ערשט פון גרינעם וואלד געפאנגען.
ס'ציהט מיר צו די הויכע סאָסנעס:
הוידען ווילט זיך אויף די צווייגען,
שוועבען איבער בערג און טאָלען,
איבער ווייץ און־קאָרן־פעלדער,
שטיפען מיט די גרויע טויבען
דאָרט אויף דוד רופא'ס גאניק,
און זיי ברענגען פרישע זשארקעס,
און זיי הערען פרייליך ווארקען.
אויפגעוועקט האָט מיך דער רבי
פון מיין קינדערישען חלום:
„שייגאָץ איינער, עכברש איינער!
ווייסטו דען ניט, גרויסער גויאָץ,
אַז ביים תהלים טאָר א אינגעל
גאָר ניט קלערען, גאר ניט טראכטען?!"

פאַר הבדלה

ער געהט שוין אוועק זיך
דער היילינער שבת,
אין שטיבעל ווערט פינסטער,
אין שטיבעל איז שטיל;
עס שעפּטשעט די מאַמע:
„אָך גאָט פון אַבֿרהם" —
זי שעפּטשעט די תּפילה
מיט האַרץ און געפיהל.

„אָך גאָט פון אברהם,
פון יצחק, פון יעקב,
פאַרנעהם דאָרט מיין תּפלה
אין הימעל'ס־געצעלט
און שיק מיר פּרנסה,
און ריכט אויף מיין מזל
און ליכטיג זאָל ווערען
מיין פינסטערע וועלט".

עס טונקעלט דער הימעל,
עס ציהען זיך וואָלקענס,
אין שטיבעל איז פינסטער
און אומעדיג, שטיל — —
נאָר ערגעץ אין ווינקעל,
פאַרשטופּט אין אַ שפּאַרע,
דאָרט טשירקעט און טשירקעט
פאַרבאָרגען אַ גריל.

מאַמישי טייערע

אָי, מאַמישי טייערע, זעה נאָר! א וועהטאָג!
מען זעגט דאָך אַרונטער דעם בוים,
וואָס אונטער זיין שאָטען האָב איך אין מיין קינדהייט
גע׳חלומ׳ט מיין קינדישען טרוים...

כ׳געדענק נאָך ווי היינט יענע זומער־פאַרנאַכטען,
כ׳האָב דאָרט מיט חברים פאַרוויילט;
און אונטער די גרינע פאַרפלאָכטענע צווייגען
זיי מעשיות פון שדים דערצעהלט...

און קוקען אויף איהם אין א זומער פריה־מאָרגען
געהאַט האָב איך, מאַמישי האָלד —
די זון פלעגט איהם קושען און האַלזען מיט שטראַלען,
איהם פאַרבען די בלעטער מיט גאָלד.

אָ, מאַמישי, טייערע, עס איז מיר א וועהטאָג!
מען זעגט דאָך ארונטער דעם בוים,
וואָס אונטער זיין שאָטען האָב איך אין מיין קינדהייט
גע׳חלומ׳ט מיין קינדישען טרוים...

ס'איז געווען אַ נאַכט אַ שטילע

ווי די ריינסטע מאָרגען־ליליען,
מיט דעם הימעל'ס טוי באַ'פּערל'ט,
בליהען אויף אָט די זכרונות
פון מיין יוגענד, פון מיין ליבע.

ס'איז געווען א נאַכט א שטילע;
ווי בריליאַנטען האָבען שטערען
אומגעבלאַנדזשעט און געציטערט,
און געוואונקען, און גערופען
מיך, מיט חנה'ן.
און מיר געהען, בגנבה,
דאָרטען, וואו די שטערען רופען...
און א קרומע, שמאָלע סטעשקע,

ווי א שלאַנג א ווייסער דרעהט זיך,
ציהט זיך, בויגט זיך און פאַרפיהרט אונז
צו די וויינענדיגע ווערבעס
וואו דאָס שטערטעל שניידט הושענות,
וואו דאָס שטילע טייכעל בורבעלט.
איך מיט חנה'ן זיצען ביידע
ביי די וויינענדיגע ווערבעס,
און די יונגע הערצער קלאַפּען
מיט א זיס און הייס פאַרלאַנגען.

פון דער ווייטענס אַלע שטיבלאַך
פון דעם קליינעם, שטילן שטעדטעל,
ליגען ווי צונויפגעהורבעט.
אין די גראָזען צוקען זשוקעס,
אין די זומפּען קוואַקען זשאַבעס,
און די ווערבעס ביי דעם טייכעל
רוישען אוים א שטילע תפילה.

חנה פלאַטערט. חנה ציטערט.
און דער טונקעל־בלויער הימעל
האָט פארלאָשען דאַן צוויי שטערען,
ווען עס האָבען חנה׳ס אויגען
אָנגעצונדען זיך מיט ליבע.

י. אדלער

זומער

זומער אין מיין ליעבען שטעדטיל —
אויף א יונגען עפּעל־בוים
זינגט זיין ליד דער פרייער־פויגעל,
טרוימט זיין בערג־און־טהאַלען־טרוים...
צוקט עס פרעהליך אין די גראַזען
וואו בעהאַלטען אין געהיים.
און דאַס וואסעריל, דאַס קלאַרע
אין די טיעפע גראַזען רינט,
רעדט דאַרט עפּעס מיט דעם ווינד —
ליעבע שטימען פון דעם זומער,
פון מיין שטעדטיל, פון מיין היים!

זומער אין מיין ליבען שטעדטיל —
טיפע הימלען — לויטער־בלוי,
שמעטערלינגען — גאָלד־געשפּריצטע,
פרישע, יונגע, זילבער־קוואַלען,
ערגיץ אין דער ערד בעהאַלטען,
שלאָגען דורך די פעלזען־שפּאַלטען,
רוישען דאַרטען אין געהיים —
רויטע רויזען, ווייסע רויזען,
יונגע, צאַרטע קאָרען־בלומען,
סעדער פול געבענשט מיט פּירות —
זומער, זומער אין מיין היים!

רייך דער זומער איז אין בשמים:
זאַפטען פון דעם סאָסנע־בוים,
יאַגדעס פון דעם דאָרנ־קוסט,
און פון ווייגשטאָק, פונ׳ם רייפען,

טראָגט זיך דער געשמאַק פון טרויבען,
דער געשמאַק פון זיסען וויין.

און דאָס שטיבעל ביי דעם בערגעל
אָפגעטינקעוועט מיט ליים —
דאָס איז אונזער, אונזער שטיבעל,
דאָס איז אונזער אייגען היים...

זומער־שבת אין מיין שטעדטיל —
אָפען שטעהט די קאַלטע שוהל;
לוסטיג פליהען אום דאָרט פייגעל
און מיט טרעלען איז זי פול.
שבת־נוסח... שחרית, מוסף,
בלאַנדזשעט אום אין גאָטעס־הויז;
פרומע תפילות, פויגעל־טרעלען,
מישען זיך אין איינעם אוים...
זאָגט דער חזן אנעים־זמירות,
זאָגט דער עולם באַלד נאָך איהם;
און די פייגעל העלפען אונטער —
שבת, שבת אין מיין היים!

ס'איז דער זומער רייך אין בענקשאַפט:
אין דעם טיפען וואלד, דעם שטילען,
אונטער א בעריאָזע־בוים,
שפינט זיך אוים מיין ערשטע ליבע,
שפינט זיך אוים מיין ערשטער טרוים.
אין דעם שטילען וואלד דעם קיהלען
פיהלט דאָס הארץ דעם זיסען־וועה.
חנה'ס שטימע וויל איך הערען,
זעהן נאָך איהרע אויגען צוויי
וואָס פערשעמען אַלע שטערען
ווען מיין חלום רוהט אין זיי...

י. אדלער

שבת, האָט געזאָגט מיר חנה,
זאָל איך וואַרטן דאָ אויף איהר;
און עס וועבט דער וואַלד, דער שטילער,
שטומע שאָטענס אַרום מיר,
און עס ווייזט זיך נאָך ניט חנה...
קומט זי גאָר ניט? קומט זי באַלד?
ערגיץ גיט אַ פייף אַ פויגעל
און עס ענטפערט אָפּ דער וואַלד.
שאַ. עס הערט זיך וואו אַ רוישען,
עפּיס נעהענטערט זיך אַ שאָרך;
ווי אַ טראָט אויף אָסיען־בלעטער.
און איך שטרענג זיך אָן און האָרך...

זאָל אַ שלאַנג דאָ זיין אין שכנות?
ניין... איך קען שוין חנה׳ס גאַנג...
ס׳גיט דאָס האַרץ פון פרייד אַ ציטער,
ס׳איז מיין חנה, נישט קיין שלאַנג.
נעהנטער, נעהנטער קומט דאָס שאָרכען;
זיסער ווערט דער ליעבעס־וועה,
צווישען סאָסנעס נעהמען בליצען
חנה׳ס שווארצע אויגען צוויי...
כ׳האַלט שוין חנה׳ס האַנד אין מיינער.
כ׳גלעט שוין איהרע שוואַרצע־צעפּ —
אַ סאָראָקע, פון אַ סאָסנע,
פליהט אַריבערביידענס קעפּ.
איבער שטילע וואַלד־אַלעען
פויזען, פויזען אין געהיים,
ביידע שאָטענס, ליבע שאָטענס —
זומער, זומער אין מיין היים!

אזוי מאָלט מיר אוים מיין דמיון
יוגענד־בילדער אָהן אַ צאָהל:

לאנגע פּאַסען גערשטען פעלדער
ציהען זיך אַראָפּ צום טאָל.
אונזער גרין־בעוואַקסען גערטיל
מיט דעם אויסגעפלאָכטען פּלויט,
איבער וועלכען ס'הענגט אַריבער
דאַ־און־דאָרט אַ צוקער־שויט...
פלוימען־בוימלעך פול מיט פלוימען
וועלכע קוקען אויס פערררויכט;
פרישע, מאַטע, ווי ס'וואָלט עמיץ
מיט אַ בלויקייט זיי בעהויכט...
און אין גערטיל שטעהט אַ שטיבעל
אָפּגעטינקעוועט מיט ליים — —
יוגענד־בילדער, זומער־בילדער,
פון מיין שטעדטיל, פון מיין היים!...

אין אַ ווינטער־מאָרגען

1

גרוי דער הימעל... ווייס דער גאָרטען.
אונזער הייזעל טיעף אין שנעע;
ס'טאָגט אין דרויסען... אויף דעם בוידים
טהוט דער האָהן זיין ערשטען קרעה.

ווייס דער גאָרטען... שווארצע בוימער.
אויף די צווייגען קופּקעס שנעע.
ווי עס וואָלטען ווייסע פייגעל
וויגען, וויגען זיך אויף זיי...

ווייס און זילבעריג דער דרויסען...
אויף אַ יעדען שינדעל־דאַך
ליגט אַ לאַנגער, ווייסער טישטוך
און מיט פרענזעלעך אַ סך.

און פון שווארצע ציגעל־קוימענס
קרייזעלט זיך אַ ווייסער רויך —
ציהט פּאַמעלעך... און פערלירט זיך
אין דער בלויקייט — אין דער הויך.

אָפּשייד

1.

יענער קאַלטער ווינטער־אָוונט
וויקעלט זיך פאַנאַנדער
ווי א קנויל אין מיין זכרון
פול מיט מרה־שחורה:
ס'אַלטע לאָדענדעלביים פענסטער,
פון דעם ווינט געטריבען,
וואַרפט זיך, הוידעט זיך און ציטערט,
ווי ס'וואָלט האָבען מורא.

ס'רייסט דער בייזער ווינט דאָס דעכעל
מיט א ווילדען ברומען,
ס'העפט דער פראָסט אויס אויף די שויבען
קאַלטע ווינטער־בלומען.

פונקט ווי ווייסע קארשען־בליטען
פלאַטערען די שנעען;
זיילען הויכע, ווי די טורעמס
ווירבלען זיך און דרעהען...

ווי פארגליווערט פול מיט אימה
קוקט אראפּ דער הימעל.
און פארזונקען ליגט דאָס שטעדטעל
אין א מידען דרימעל.

אין דעם שטיבעל, ס'אַלטע לעמפּעל,
קוים נאָך וואס עס זשיפּעט;
אויף דעם בעט עס זיצט די מאמע,
קוקט אויף מיר און כליפּעט.

י. אדלער

און דער טאַטע קוקט אין פענסטער:
„אַך, ס'אַ בייזער וועטער!
טאָמער וואָלסטו דיין נסיעה
אָפּגעלייגט אויף שפּעטער?"

גרויען נעמט דער קאַלטער מאָרגן...
און די מענשען האַלב־פאַרפרוירען,
קריכען לאַנגזאַם פון די בעטלאַך.
און עס סקריפּען שוין די טויערען.

דער בעל־עגלה איז שוין דאָ,
אַ איד שוין אין די יאָהרען,
זיין באָרד מיט שטיקלאַך אייז באַדעקט,
„שוין צייט, זאָגט ער, צו פאָהרען."

איך דאַווען אָפּ. אין הארצען קלעמט.
די מאַמע גיט מיר עסען;
דאָס לעצטע מאָל ביים טאַטענס טיש —
איך וועל דאָס ניט פארגעסען.

דער טאַטע וויינט: „געדענק, מיין קינד,
ווי עלענד מיר פאַרבלייבען;
מיר זיינען אַלט... מיר זיינען שוואַך...
דו זאָלסט וואָס אָפטער שרייבען."

איך נעם אַרום זיין גרויען קאָפּ,
באַגיס איהם שטום מיט טרערען.
איך קוש איהם היים... איך קוש איהם אויס
די קנייטשען פון זיין שטערען.

די מאַמע דריקט מיך צו איהר ברוסט —
איהר קאָפּ אויף מיר געבויגען —

עס פאַלען טרערען אויף מיין האַלז
פון איהרע אַלטע אויגען.

„מיין טייער קינד, מיין טרייער זוהן,
מיין האַרציגער, מיין ליבער.
און ניט פאַרגעס, מיין טייער קינד,
ביי וואָס מיר בלייבען איבער.”

2

„מאַמע, זיי געזונט.
איך פאָהר אַוועק אין ווייטען לאַנד,
זיי געזונט!
איך קוש איהר פּנים און די האַנט.
איך הער א שלוכץ;
עס פאַלט א טרער;
און נאָך א טרער;
מיט יעדער רגע מעהר.
זי וויינט. זי בעט:
„פאַרגעס נישט שיקען אָפטע בריף.”
און נאָך אַ טרער, אַ הייסע טרער.
און מיט יעדער רגע מעהר.
„פאָהר געזונט, מיין קינד, פאָהר געזונט!”
איך פאָהר...
אַהינטער מיר פאַרשווינדט די אַלטע שוהל,
די אַלטע בריק;
איך זעה מיין מאַמע געהט צוריק...
אַ פויגעל זינגט אַ ליד.
איך הער זיך איין... ווי שעהן ער זינגט, ווי שעהן!
איך טראַכט: דער פויגעל וועט מיין מאַמען זעהן
און איך — שוין ניט...

י. אדלער

איך בין קראַנק

איך בין קראַנק
און שוואַך און
דאָך נאָך יונג.
און דאָס לעבען
צאַנקט אין מיר;
עס געהט אוים.

דאָס לעבען שווינדט,
ניטאָ קיין קראַפט,
און לעבען ווילט זיך.
ביי מיר אין ברוסט
קריכט אום א שלאַנג...
א קאַלטע, פייכטע
שלאַנג...

זי האָט אין ברוסט ביי מיר
איהר נעסט געמאַכט.
זי קריכט אַרום
און שיפּעט בייז
און שפּייט מיט סם...

מיין חיים

עס קומט מיין סוף —
דאָס לעבען צאַנקט,
געהט אוים אין פיין
אָהן א מאמעס טרער,
אָהן א טאטענס זיפץ,
אָהן א חבר׳ס קרעכץ.

איך געה אוים
ווייט פון מיין שטעדטעל
פון דעם קליינעם, שטילען
ליבען שטעדטעל...

און דאָס לעבען צאַנקט,
און פארלעשט זיך
ווי א פלעמעל,
און אויסגעהן וויל
דאָס פלעמעל
ניט אין פרעמדען לאנד —
פארלאָשען וויל עס ווערען
אויף דער מאמעס שוים,
אויף דעם טאטענס הענט.
צווישען אייגענע.
און האלזען, קושען,
צוטוליען מיין הייסען
מידען קאָפ צו זיי,
און וויינען, וויינען,
ביז צום אויסגעהן.
— — — — — — — —

זעקס און דרייסיג

י. אדלער

פּאַפּירענע קינדער

עס שרייבט מיר די מאַמע אַ בריוועל:
„מיר זיינען דאָ עלענד ווי שטיין;
איהר זייט ווי די שוואַלבען צופלויגען,
געלאָזט אונז אליין דאָ אַליין.

„מיר האָבען פון אייך בלויז פּאָטרעטען
וואָס איהר האָט אויף פסח געשיקט;
אַ וואַנד מיט פּאַפּירענע קינדער.
מיין הארץ ווערט אין שטיקער צופליקט!

„דער טאטע ער האַלט נאָר אין זיפצען,
ער זיפצט אזוי שווער, אַזוי טיף ;
די טעג און די וואָכען פארגעהען
אין ווארטען אויף אייערע בריף . . .

„איך האָב מיך אנומעלט דערשראקען :
געוועזן איז אַ פינסטערע נאכט ;
אַ רעגען געקלאַפּט האָט אין דעכעל,
דער לאָדען געוועזן איז פארמאכט ;

„מיט פּחד געוויינט האָט אין קוימען
דער אייביגער יתום, דער ווינד ;
און פּלוצלונג צושרייט זיך דער טאטע :
„דאָס וויינט ערגעץ אונזערס אַ קינד !"

„דאן האָט ער אַ ליכט אָנגעצונדען ;
עס האָט איהם געציטערט די האנט ;
און איבערגעצעהלט די פּאָטרעטען
וואָס הענגען ביים בעט אויף דער וואנט.

„דערמאָנט האָט ער איטליכען'ס נאָמען ;
געציטערט אין האנט האָט דאָס ליכט ;
און ער האָט געצעהלט אַלע די בילדער,
באַטראכט גוט אַ יעדענס געזיכט.

געזיפצט און געקוקט אויף די בילדער —
געצאנקט האָט דאָס ליכט אין זיין האנט.
אַ וואנט מיט פּאַפּירענע קינדער
עס קוקען ארונטער פון וואנט" . . .

י. אדלער

מיין מאַמע שרייבט

1

כ׳שרייב דיר, ליבער זוהן געטרייער,
אז דיין טאַטע ליגט א קראַנקער,
און איך האָב ניט מעהר קיין מיטלען
איהם צו ראַטעווען פון...
כ׳האָב פאַר׳משכנ׳ט
שוין דאָס שטיבעל און מיין טילעפּ,
און דעם אַלמער מיט די ספרים,
און די גרויסע שבת-לייכטער,
און דעם זיידענ׳ס ביסעל קופּער,
און דעם טאַטענס קידוש-בעכער,
און זיין גאָלדען בשמים ביקסעל,
און דאָס גאַנצע ביסעל צירונג —
אַלצדינג, אַלצדינג, איז פאַר׳משכנ׳ט.

„זוהן געטרייער! הארציג קינד מיינס!
כ׳בעט דיך זעהר, אפשר קענסטו
עפּעס שיקען פאַר דיין אַלטען,
קראַנקען טאַטען? — האָב רחמנות.

„זוהן געטרייער! האָב אין זינען:
אַלעס, אַלעס קענסטו קריגען, נאָר א טאַטען
און א מאַמען קענסטו פאַר מיליאָנען
און מיליאָנען געלט ניט קריגען —
ווען דער טאַטע זאָל חלילה...
אך.. די טרערען...
ווען דער טאַטע
זאָל חלילה...

שטארב... א יתום
בלייבען ווערסטו
טייער קינד...

. . . .

היינט באגינען — מעגסט עס הערען —
האָט דיין טאַטע מיט א שוואכער
שטילער שטימע מיך צום בעטעל
צוגערופען, און דערצעהלט מיר,
אז גע'חלומ'ט האָט א חלום
ער פון דיר:

„ביזט פון ווייטען לאנד געקומען,
צו זיין בעטעל צוגעגאנגען,
און געפרעגט: זאָג מיר טאַטע,
וואָס עס פעלט דיר, אפשר קאָן איך
עפּעס העלפען, דיר דיין קראנקהייט
מאכען גרינגער? איך וועל וואכען
ביי דיין בעטעל טאָג ווי נאכט —
און דו האָסט זיך איינגעבויגען
און געקושט זיין פארמעט-פּנים,
און די קנייטשען פון זיין שטערען,
און זיין אלטען קאָפּ, דעם גרויען.
און דו האָסט זיך שטארק צוזאמערט.
און דאָס קישען, וואס געלעגען
איז צוקאָפּענס, איז געווארען
נאַס פון דיינע טרערען.
דאן האָט ער זיך אויך צוכליפּעט,
און געהאלזט דיך, און געקושט דיך —
און פאר שמחה, וואס ער זעהט דיך,
איז זיין פּנים יונג געווארען.

און די ענדע פון דעם חלום,
זאָגט דער טאַטע, איז געווען,
וואָס דו האָסט איהם צוגעשווארען:
אז דו וועסט אונז ניט פארגעסען."

2

„הארציג קינד מיינס!
וואָכען, וואָכען און חדשים
איז דער טאַטע קראַנק געלעגען;
זיך געמוטשעט אין יסורים,
און אין גרויסע, שווערע ליידען
אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעם.
. . . .
„איך, דיין מאַמע, בין געבליבען
ווי א בלעטעל
אין דעם קאַלטען וויסטען אָסיען,
פון דעם בייזען ווינט געטריבען...
אן אַלמנה...
קראַנק און שוואך, און אָהן אַ היים
אויף דער עלטער, פון די קינדער ווייט...

בשעת דעם טאַטענס לאַנגע קראַנקהייט
האָב איך אַלץ, אוי, אָנגעווענדעט —
אַלץ געשטאַנען ביי זיין בעטעל,
ניט געגעסען, ניט געשלאָפען
נור געהיט איהם, און געוואַכט איהם...
. . . .
„דו געדענקסט נאָך דוד רופא,
וואָס געוואָהנט האָט אויפ'ן בערגעל?
אין דעם קליינעם

אלטען הייזעל
מיט די שמאָלע
קרומע פענסטער,
קעגענאיבער הערשעל דין —
דו געדענקסט איהם ?
גאנצע טעג איז דוד רופא
ביי דעם טאַטען'ס בעט געזעסען, —
פון דער שטוב ניט אָפּגעטראָטען
נור געווען איז אַלץ אומזיסט...
פאַר דער גסיסה. —
אין זיין לעצטען זיפץ — דער טאַטע
האָט אייך אַלע ליעבע קינדער —
ביי די נעמען אָנגערופען...
* * *
באַלד גענומען האָט ער גוס'ען...
. . . .
שווער און טעמפּ האָט
זיך זיין ברוסט געהויבען...
אויף די בלאַסע, קאַלטע ליפּען
האָט א שוים ארויסגעטראָטען,
זיך געבלעזעלט...
ביז דער בורא
האָט זיין לעבען
ווי א ליכטעל
אויסגעלאָשען...״
. . . .

י. אַדלער

וואַלקעז, וואַלקעז

זילבער־וואָלקען !
פּעריל־וואָלקען !
נישט געאיילט זיך,
נישט געלאָפּען,
שטעל זיך אָב נור
אויף אַ רגע,
כ׳וויל אַ טובה
ביי דיר בעטען :

ווען דו וועסט נור
איבערשווימען
יענע הויכע
בלויע פעלזען,
וואָס זיי דרעמלען
אין די נעבלען ;
און די פעלדער
מיט די יונגע
קאָרען־זאַנגען ;
און די טייכלאַך
מיט די דראבנע
זילבער־פאַלדען ;
און דעם גרויסען
ים, דעם טיעפען —
זאָלסטו קומען
אין מיין שטערטעל
אין דעם שטילען,
וואו די ווייסע
קליינע הייזלאַך
מיט די גרויע

שינדעל־דעכער
שטעהען אין די
גרינע גערטנער,
אויסגעצירט מיט
קארשען־ביימער,
עפּעל־ביימער,
בארען־ביימער,
און מיט הויכע,
און מיט שלאנקע
טאנען־ביימער.
דאָרטען, אין דעם
שטילען שטעדטעל,
אין אַ שטיבעל,
האַלב צובראָכען,
מיט פערקלעפּטע
קליינע שויבען,
מיט אַ ברונען
אין דעם גערטעל,
און אַ קאשטאַן־בוים
ביים ברונען,
און אַ קארשען־בוים
ביים פענסטער —

אין דעם אַלטען
חורבה־שטיבעל
זיצט מיין אַלטע,
טרייע מאַמע,
מיט פערוויינטע
גלות־אויגען,
און מיט קנייטשען
אויף דעם פּנים,

י. אדלער

און אַ האַרץ מיט
טיפע וואונדען —
אַן אַלמנה
אַ פערצאָגטע, — —
ווען דו ועסט, אָה,
זילבער־וואָלקען,
זעהן מיין ליבע
גוטע מאַמען,
גריס איהר האַרציג
אין מיין נאָמען.

און פערגעס נישט,
זילבער־וואָלקען,
איהר צו זאָגען:
אַז מיר בענקט זיך
נאָך דעם שטילען
קליינעם שטעדטעל,
וואו מיין ווינקעל
איז געשטאַנען,
וואו זי האָט מיך
איינגעשלעפערט
מיט אַ זיסען
קינדער־לידעל.

אויך פערגעס נישט,
זילבער־וואָלקען,
איהר צו זאָגען,
אַז די צייטען
זיינען שווערע;
אַז איך קאָן איהר
היינט נישט העלפען.

וועןּ די צייטען
וועלען ווערען
עטוואָס בעסער,
עטוואָס גרינגער,
וועל איך זיכער
נישט פערגעסען
איהרע לעצטע
לעצטע יאָהרען
צו פערזיסען.

זילבער־וואָלקען,
פּעריל־וואָלקען,
זאָג מיר, וועסט דו
נישט פערגעסען
אַלעס, אַלעס
איבערגעבען
מיין געטרייער
גוטער מאַמען ?

י. אדלער

אין א פחד נאַכט

כ׳זעה פאַר זיך מיין טאַטענ׳ס שטיבעל
אין אַ שוואַרצער פחד־נאַכט;
דאָרטען זיצט מיין אַלטע מאַמע
קוקט אין פענסטער און זי טראַכט.

קוקט אַרויס פון בלינדען פענסטער
אין דעם ווייטען, שוואַרצען רוים —
ביי דעם פענסטער אין דעם חושך
רוישט דער אַלטער קאַרשען־בוים.

רוישט און שפּרייט די אַלטע צווייגען,
בעט זיך רחמים ביי דעם ווינד —
און עס זיצט די אַלטע מאַמע
אַ פערבענקטע נאָך איהר קינד.

עמיץ דאַכט זיך שטעהט ביים פענסטער
און ער וואַרפט מיט הויפענס שטויב;
ערגעץ ברעכט דער ווינד אַ צווייגעל
און ער וואַרפט עס אין אַ שויב.

ערגעץ שלאָגט אַן אַלטער זייגער,
עס צו וויינט זיך וואו אַ קינד —
און דער קאַרשען־בוים דער אַלטער,
בעט זיך רחמים ביי דעם ווינד.

און עס זיצט די אַלטע מאַמע
אַ פערבענקטע און זי טראַכט;
קוקט אַרויס פון בלינדען פענסטער
אין דער שוואַרצער פחד־נאַכט.

בענקשאַפט

מיין דמיון ער בלאָנדזעט און זוכט אַלץ די סטעשקע,
די גאָלדענע סטעשקע וואָס פיהרט צו מיין שטאָדט.
דאָרט זיצען פאַרצאָגטע דער טאַטע, די מאַמע,
און שיקען אַלץ תפילות נאָך תפילות צו גאָט —
זיצען נאָך ווילט זיך מיט זיי דאָרט צוזאַמען
ביים שטיבעל אין דרויסען אין שאָטען פון סאָד.

איך וויל אַרום שטעדטעל די בערג נאָך בעטרעטען,
און רוהען דאָרט וויל איך און רוהען דאָרט לאַנג ;
און זעהן אין דער נידער דאָס שטעדטעל צעוואָרפען
און הערען אַרום זיך אַ מורמלען, אַ קלאַנג,
וואָס קומט פון דעם וואַסער וואָס איילט אין די טאָלען,
און הערען פון וואַלד נאָך דעם פויגעלס געזאַנג.

י. אדלער

די לידער וואָס איך האָב פאַר פרעמדע געזונגען —
געזונגען פאַר מענשען, געזונגען פאַר גאָט,
זיי וואָלט איך פאַר אַלטע חברים צוטיילען,
פאַר יעדען אַ ליעד און פאַר יעדען אַ סוד...
די שעהנסטע געלאַזען וואָלט איך פאַר די פייגעל
וואָס שטיפען אַרום ביי דעם טאַטען אין סאָד.

און איך וואָלט דעם טאַטען דערמאָנען דעם ניגון,
דעם חסידישען ניגון וואָס ער האָט אַמאָל
אַ שבת ביים טיש מיט די קינדער געזונגען
ווען פול מיט מתיקות געוועז איז זיין קול;
דער ניגון וואָס האָט זיך צוטראָגען אין שטעדטעל
און שפּעטער ענטרונען געוואָרען אין טאָל.

און איך וואָלט דעם אַלטען, דעם אידישען ניגון
געזונגען מיט פייער, געזונגען מיט פרייד;
מיין שטימע, זי וואָלט זיך צוגאָסען מיט ווייכקייט,
אַזוי ווי דער קלאַנג פון אַ גאָלדענער פלייט —
די גרייז־גרוי געוואָרענע טאַטע און מאַמע
זיי וואָלטען דעם ניגון מיט חדוה בעגלייט.

און ס'וואָלטען די שכנים געשטאַנען ביים פענסטער,
איך וואָלט פאַר מיין טרייהייט אין שטעדטעל גע'שם'ט,
און אַלטע געבויגענע טאַטעס און מאַמעס
פערזאָרגטע, פערבענקטע, די הערצער געקלעמט,
זיי וואָלטען דערמאָנט זיך אָן זייערע קינדער
וואָס וואָגלען נאָך ערגעץ אַרום אין דער פרעמד.

די גראָע האָר

איך געדענק נאָך יענעם שבת,
ווען עס האָט דער זיידע מיינער,
קומענדיג צו אונז אין הויז,
מיר א ליבען קוש געגעבען
און דערלאַנגט מיר האָניג לעקאך,
און געזעצט מיך אויף זיין שויס.

מיט די בלייכע פינגער זיינע,
מיר די פאות איינגעקרייזעלט,
מיר דאָס יארמולקעל פערריכט;
מיט די בליקען מיך געוואַרעמט
ווען ער האָט די גרויסע ברעמען
אָנגעשטעלט אויף מיין געזיכט.

י. אדלער

כ׳האָב איהם ליעב ארומגענומען,
מיט זיין ווייסער באָרד געשפּיעלט זיך,
יעדעס האָרעל איהם געלאָקט;
כ׳האָב אַ גראָע האָהר געפונען
אויף זיין ברוסט — און איהם געוויזען —
און ער האָט צו מיר געזאָגט:

„ווען דו געפינסט אַ גראָע האָהר,
בעהאַלט זי קינד, בעהאַלט;
ווייל קומען וועט אַ נייער דור
וואָס וועט נישט ווערען אַלט...

„עס איז שוין איצט, מיין ליבעס קינד,
קיין זקן באַלד נישטאָ —
אפשר איינער אין אַ שטאָדט
היינט צו טאָג איז גראָה...

„עס וועט נאָר אין די ספרים זיין
פערשריבען שווארץ אויף וויים:
אַז טרעפען פלעגט מען אין דער גאַס
פון הונדערט יאָהר אַ גרייז.

„בעהאַלט מיין קינד די גראָע האָהר —
ניט האַלט איהר אין דער האַנד;
ווייל קומען וועט מען זעהן די האָהר
פון ווייטסטען, ווייטסטען לאַנד.

און ווער עס וועט פארמאָגען נור
אַ ווייסע גראָע האָהר,
פערדעכענט וועט ער דעמאָלט זיין
דער רייכסטער פון זיין דור.״

אַ בריוועל

א בריוועל האָט מײַן מאַמע מיר
ערשט יענע וואָך געשריבען;
צופלויגען איהרע קינדערלאַך,
קײן אײנציגס ניט געבליבען.

ווי פון אַ וואַלד אין אָסיען־צײַט
די פויגעלאַך צופלויגען...
און טרערען — אַך, זײ שנירלען זיך
און מאַכען בלינד די אויגען...

זי זיצט אַלײן אין שטוב און װײנט,
און פרײַנד האָט זי׳ קײן אײנעם;
עס קומט קײן מענש צו איהר אַרײַן
און זי אויך געהט צו קײנעם.

י. אדלער

זי קוקט אמאָל אין פענסטעריל
ווי ס'פליהען אום די טויבען;
פליהט צו א יונג סאראָקעלע,
קלאפּט אָן שטיל אין די שויבען.

איהר אַלטע האַרץ צוגעהט פאַר פרייד:
עס קומט א גוטע בשורה...
זי ווארט שוין אויף א בריעף פון „אונז",
פון יעדען כאָטש א שורה.

דער בריפען־טרעגער זעהט זיך שוין,
אָט איז ער שוין דערנעבען;
ער איז שוין נאָהנט... ער געהט פארביי
און גאָר נישט איהר געגעבען.

איהר האַרץ טהוט וועה — זעקס קינדערלאך
אריבער ווייטע ים'ען.
א יונג און שווארץ סאראָקעלע
האָט אָבגענארט די מאמען...

זמירות

ווי א בלישטשינדיגער שטערן
אין א מדבר־נאכט א שווארצער,
פינקעלט אויף אין מיין זכרון
יענער שבת פון מיין יוגענד:

אין דער קאלטער שוהל, דער הויכער,
ביי דעם אלטען קרומען שטענדער,
וואס געבליבען איז פון זיידען
פאר מיין טאטען א ירושה, —

זיץ איך פרעהלאך לעבען טאטען,
האלט אין האנד א גרויסען סדור.
און דער טאטע טראגט א טלית
מיט א זילבערנע עטרה,
אין דער מיט — א בלאע סטענגע,
אויף דעם קאפ—א סויבעל־שטריימעל.

אבגעענדיגט איז דער מוסף.
און פון שוהל דער שבת־עולם
ציהט זיך אין די שמאלע געסלעך,

און עס שטעלט זיך אפ דער טאטע
מיט א שכן עפעס ריידען,

י. אַדלער

און איך לאָז דעם טאַטען איבער,
לויף מיט פרייד אריין אין שטיבעל.

„אַ גוט שבת!" שריי איך אויסעט,
ווען איך טרעט די שוועל אריבער —
און די מאַמע שטראַלט פון שמחה
און זי שעפּטשעט: „אַ גוט שבת!"

און אַט עפענט זיך די טהיר אויף
און עס קומט אריין דער טאַטע —
„אַ גוט שבת, אַ גוט שבת",
קלינגט דעם טאַטען'ס ווייכע שטימע,
און די מאַמע ענטפערט ליבליך:
„אַ גוט יאָהר אונז, אַ גוט יאָהר אונז".

און עס ברענגט אהיים מיין שוועסטער
פון דעם בעקער אונזער טשאָלענט,
און ביים עסען נעהמט דער טאַטע
מיט די קינדער זינגען זמירות —

און אַ שבת'דיגער נגון,
טראָגט זיך לוסטיג פונ'ם שטיבעל,
שווימט ארוים אין גרינעם גאָרטען,
פון דעם גאָרטען שוועבט דער זמר
אין דעם שטעדטיל, און צעוואַקסט זיך
און צוגיסט זיך אין די געסלעך...

און אזוי פון יעדען שטיבעל,
און אזוי פון יעדען פענסטער
שוועבט ארוים אַ שבת־זמר
אָנגעזאַפּט מיט רוה און חדוה.

אַ טרויער בילד

אַ שטיבעל קליין, אַ שטיבעל ריין, מיט אויסגעפּוצטע שויבען.
און אויף דעם דיל עס וואַרקען שטיל צוויי יונגע, ווייסע טויבען.
דער טאַטע מישט אַ ספר'ל מיט אַלטע געלע בלעטער.
אַ מייזעל מיט די ציינדלאך זעגט פון דיל די אַלטע ברעטער.

און ערגעץ שטיל עס פּייפּט אַ גריל, פון מענשענס אויג בעהאַלטען.
און אומעטיג זי טשירטשעט אויס אַ ניגון גאָר אַן אַלטען —
אָט דאָס איז אונזער שטיבעל און אָט דאָ בין איך געבאָרען,
מיין טאַטע־מאַמע זיינען דאָ גראָ און אַלט געוואָרען...

אַ בילד וואכט אויף, בליהט אויף פאר מיר, איך הויב זיך אָן דער־
מאָנען:
אָט דאָרטען איז אַמאָל, אַמאָל, מיין וויגעלע געשטאַנען;
אָט דאָרטען האָט די מאַמע מיר אַ לידעלע געזונגען —
ווי זיס די מאַמע'ס לידעלע האָט דעמאָלט מיר געקלונגען!

י. אדלער

א בילד וואַכט אויף, בליהט אויף פאַר מיר: דער טאַטע קראַנק
און אָרים.
ער זיצט אליין גאַנץ שפּעט ביינאַכט פאַרטיפט אין אַלטע ספרים.
ער קנייטשט דעם שטערען און ער טרוימט די אַלטע, אַלטע טרוימען.
א בייזער ווינד צוהוליעט זיך און זינגט א ליעד אין קוימען.

א בילד שפּראַצט אויף, בליהט אויף פאַר מיר, איך הויב זיך אָן דער־
מאָנען:
א ווינטער נאַכט... דער טאַטע איז פון בעט ערשט אויפגעשטאַנען,
גענומען זיך ביים תהלים'ל פאַמעליך רוהיג וויגען,
און האַרציג פרום עס קלינגט אין שטוב דער אַלטער תהלים־ניגון.

דער מאָרגען גראָהט. דאָס שטיבעל ליגט אין טיפע, טיפע שנעען;
עס פייפט דער ווינד, עס בילען הינד, און העהנער ערגיץ קרעהען.
די מאַמע ליגט אין בעט און הוסט... אין שטיבעל דריקט א טרויער,
די מאַמע הוסט... דער טאַטע טראַכט... מיר דוכט זיך ער ווערט
גרויער...

דאַן נעמט ער קליינע שטיקלעך ברויט און וואַרפט זיי צו די טויבען.
און שטיל געהט ער צום פענסטער צו, נעהמט הויכען אויף די
שויבען.
ער הויכט אַראָפּ א זילבער־זאַנג, א בוים מיט זילבער־צווייגען,
ער קוקט אַרוים — א ווייסע וועלט פאַרוויקעלט איז אין שווייגען.

א בילד וואַכט אויף, בליהט אויף פאַר מיר: עס קומט דער ליבער
פריהלינג.
דער הימעל בלאָ, דער טייך איז בלאָ — א גאָט־געבענשטער
צווילינג!
עס גרינט דאָס פעלד, דער וואַלד, דער סאַד, מיין טאַטענס אַלטער
גאָרטען.
עס בליהען בוימער אַלערליי מיט פרוכטען אַלע סאָרטען.

עס רוישט א שטראָם פון בארג אראָפּ און ווערט אין טהאָל פאר־
פאַלען ;
און רוישענדיג ער זינגט א ליד און טאנצט מיט זונען־שטראַלען.
א פריהלינגס־רויז ניט ווייט פון הויז ווי פּרעכטיג שעהן זי בליהט
זיך !
א גרעזעל שפּראָצט פון שטיין ארויס און צו דער זונן עס ציהט זיך...

דאָס שטיבעל קליין, דאָס שטיבעל ריין, עס איז ווי ניי־געבאָרען ;
עס שטעהט אין פעלד אליין, אליין, ווי גאָט וואָלט עס פערלאָרען.
די מאמע זיצט אין גערטעל ווי זי וואָלט דאָס גערטעל היטען ;
א ווינטעל קושט דעם וויינשעל־בוים און ס'פאלען ווייסע בליטהען.

ביים פענסטער זיצט דער טאטע גראָ, פערטיפט אין א גמרא.
דער ניגון שוועבט אין גערטעל אום, די שטימע איז א קלאָרע.
און באלד רופט ער די מאמען צו — די אלטע קראנקע מאמען,
ער טהוט א זיפץ און נאָך א זיפץ — באלד זיפצען זיי צוזאמען...

עס איז א שוואלב, א יונגע שוואלב אין לופטען דורכגעפלויגען —
די מאמע זאָגט : „אָט ווי די שוואלב איז אונזער קינד פערפלויגען..."
די מאמע לאָזט א טרעהר ארויס, דער טאטע טרייסט די מאמען.
די מאמע וויינט, דער טאטע וויינט—באלד שלוכצען זיי צוזאמען...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

י. אדלער

תקיעות

דאָס שטעדטעל דאָס קליינע, דאָס אידישע שטעדטעל,
פערזאַמעלט איז איצטער אין שוהל;
עס יאָמערט דער עולם, א יעדוועטער מחזור,
מיט אידישע טרעהרען איז פול.

דער עולם, ער זאָגט זיבען מאָל למנצח,
דער יאָמער פון ווייבער איז גרויס;
עס ברענען מיט פחד די ליכט פון מנורה,
עס דאכט זיך, זיי לעשען זיך אויס...

דער יאָמער ווערט שטילער... פון ערגעץ א ווינקעל
דער אַלטער ר׳ נחמן ער רופט:
„תקיעה״... און ס׳הערט זיך דער קול פון דעם שופר,
עס ציטערט זיין תקיעה אין לופט.

ניין און פופציג

א תקיעה... שברים... א תרועה... תקיעה...
דער עולם, די תקיעות זאפט איין;
און שטאַלץ שטעהט דער זקן, דער אַלטער בעל תקיעה,
בעגאָסען מיט געטליכען שיין.

עס הילכען און שאַלען די הייליגע קלאַנגען,
פון שטן נים ווערען געשטערט;
און ווידער א תקיעה, א שברים, תרועה —
און פּלוצים א טומעל עס ווערט:

דער אַלטער בעל תקיעה, דער זקן ר׳ יעקב,
געוואָרען איז בלייך ווי די וואנד;
פערגלייזט זיינע אויגען, פערלאָרען דעם אָטעם,
געלאָזען דעם שופר פון האנד...

געשטאָרבען א הייליגען טויט איז דער זקן,
און גרויס איז דער טרויער געוועזן;
געזאָגט האָבען אַלע אז ער איז געשטאָרבען
ווייל ער האָט דעם שטן דערזעהן.

י. אדלער

כל נדרי

עס טונקעלט... עס טונקעלט... און אונטער דעם שטעדטיל
עס גארטעלט דעם הימעל א בלוטיגער באנד.
דער זיידע אין שוהל געהט און שלייכט זיך פאמעלאך,
און טראָגט מיט א וועקסענע ליכט אין דער האנד.

די שוהל איז בעלויכטען, עס ציטערען הייליג
די וועקסענע ליכט אין די קעסטלאך מיט זאמד;
א יעטווידער ליכט וואָס עס שמינקעלט אצינדער,
דאָס איז נישט קיין ליכט — א נשמה דאָס פלאָמט.

אין קיטלען, טלתים, די אידען ווי מתים,
מיט אלטע פערגעלטע מחזורים אין הענד;
זיך שאָקלען און וויגען און זשומען ווי פליגען,
און שאָטענס עס קנוילען ארום אויף די ווענד.

די עדה די פרומע, זי זאָגט „תפלה־זכה",
צום הימעל, עס רייסט זיך ארויף א געבעט;
א הייליגער פחד און הייליגע תפילות —
עס טראָגט זיך צום בורא א יעדענס על־חטא.

און פּלוצים... דער שמש, דער אַלטער ר׳ חיים,
געהט צו צום בעלעמער, עס הערט זיך צוויי קלעפּ;
די שווערד פון קטגור, דעם בייזען, דעם שטרענגען,
זי לויערט אַצינד איבער אַלעמענס קעפּ.

אַט שפּרייזען דריי אידען צום ארון־הקודש,
דריי פרומע זקנים, די עלטסטע פון שטאָדט;
מיט שרעק אין די הערצער און ליכטיגע אויגען —
דער זקן, דער עלטסטער, ער טהוט נאָך אַ טראָט

און רוקט גיך פאַנאַנדער דעם ווייסען פּרוכת,
עס ציטערט זיין שאָטען ארום אויף דער וואַנט;
און יעטווידער זקן ביים ארון־הקודש,
ער שטעהט מיט אַ הייליגער תורה אין האַנד.

דער אַלטער בעל־תפלה, ער יאָמערט: „כל־נדרי״,
עס קלאָגען די טענער און ציהען זיך לאַנג;
דאָס יאָמערט אַן אַלטער, אַ גרויסער מארטירער,
אין טרעהרען זיך טובל׳ט אַ יעטווידער קלאַנג.

אַזוי ווי פון שרעקליכע היילען פערבאָרגען
עס רייסען די טענער געפּייניגט, פערשטיקט;
ווי עמיץ וואָלט טויזענטער הערצער געוואָרגען
און טויזענטער אידישע הערצער צופליקט.

און העכער און העכער עס ווערען די טענער,
אַ יעדער אַקאָרד טהוט ביים הארצען אַ קלעם;
אין ווייטע, אין טיפע פערבאָרגענע היילען,
דאָרט קומט אום אַן אומה אויף קידוש־השם...

שמחת־תורה

דער שמש, ער עפענט דעם ארון־הקודש,
עס ווערט אַ יריד אויף די ספרים;
און דאָ אין דער שוהל שוין דערזעה איך דעם חילוק,
דעם חילוק פון רייך און פון אָרים.

ר׳ סענדער דער נגיד באַקומט אַ הקפה,
אַ תורה מיט גאָלדענע לייבען,
וואָס שרה די פרומע, די רייכע עקרה,
האָט ערשט דאָ פאר יום־טוב געגעבען.

און מאָטעל דער אביון בעקומט אַ הקפה,
אַ תורה׳לע קליין און צוריסען;
אפילו דער מאנטעל אוןביידע עץ־חיים׳ס
זיי זיינען פון אַלטקייט צוביסען.

און ס׳ציהט זיך אַ סטעננגע פון אידען מיט תורות,
ארום דעם בעלעמער זי דרעהט זיך;
און וועלוועל דער חזן, ער זינגט „עוזר דלים״,
און מאָטעל דער אביון, ער פרעהט זיך...

ביים שוחט אויפ׳ן הויף.

די נאַכט איז שוואַרץ, און לילית טאַנצט
ביים שוחט אויף דעם הייפעל;
עס שפּילט איהר אַ „ניט־גוטער" צו
אַ לידעל אויף זיין פייפעל.

עס כאַפּט דער ווינד דאָס פייפען אויף
פון מורא׳דיגען לידעל:
און ס׳הערט זיך אין דעם הייפעל איצט
אַ פייפעל מיט אַ פידעל.

י. אדלער

א יונגער שד, ער שטעלט אוועק
אין הויף א גאָלדען בעטעל;
און לעבען בעטעל שטעהט און לאכט
א קנאָכענדיג סקעלעטעל.

און לילית טאנצט און שיסט ארויס
א הילכעדיג געלעכטער;
און אויף א הויכען בערגעל מיסט
עס שטעהען שדים־טעכטער

און פאטשען פרעהליך מיט די הענד
און זינגען נאָך דאָס לידעל;
דאָס לידעל, וואָס עס ווערט געשפּילט
פון פּייפעל און פון פידעל.

און לילית טאנצט, און אין דער לופט
עס וועהען איהרע לאָקען;
ווי גרינג זי טאנצט, ווי שטיל זי טאנצט,
עס דאכט, אין הוילע זאָקען...

און פּלוצים טוט דער האָן א קרעה,
און שטום עס ווערט דאָס לידעל — —
נישטאָ קיין לילית... קיין סקעלעט,
קיין פּייפעל און קיין פידעל...

דאָס שטעדטיל שלאָפט, און אלץ ארום
איז איינגעוויגט אין שטילען;
נאָר ערגעץ ביי א שכן הערט
א הונד ניט אויף צו בילען...

דער געבורט פון טאָג

א שטילקייט הערשט. עס בלאָזט די צייט.
איך שטעה אליין אין שטילען רוה
און עפּעס קלינגט מיר פון דער ווייט.
איך הער זיך איין, איך הער זיך צו,
מיין אויער שטרענג איך שארפער אָן:
עס קרעהעט ערגעץ־ווייט א האָן.
און ווידער שטיל און ווידער שא.

דער ווייטער מזרח־הימעל וועבט
א פייערדיגע לענטע אויס.
עס וועקט זיך שטיל אין שטילען פּראכט
דער מאָרגען אויס, דער יונגער טאָג,
ער רייסט זיך פון די שאָטענס אויס
און פלאָנטערט אויס זיך פון דער נאכט.

א רגע נעמט. נאָך בלאָזט די צייט.
און דאָרטען אין דעם מזרח, ווייט,
די פייער־לענטע שימערט אויף:
ווערט פּורפּור רויט און גאָלדיג־העל.
א רגע נאָך, אן אויגענבליק,
שוין גיסט זיך אויס א לאנגע וועל
פון ריינעם גאָלד און קופּער־פארב
און אין דער מיט — א פייער־גארב...

און ווידער שטיל, און ווידער שא,
און עפּעס האָט דער יונגער־טאָג
זיך הייגט פארשעמט.

פארשעמט זיך פאר דעם פארבען־שפיל.
זיין אויג, וואס איז מיט גאָלד באַברעמט,
איז האלב פארמאכט און ציטערט שטיל.

און העלער ווערט. עס איילט די צייט.
א קלויסטער־גלאָק זיך הערט פון ווייט,
עס מרוקעט ערגעץ־וואו א קוה;
איך הער זיך איין, איך הער זיך צו:
א קנאַקען פון א בייטש אין לופט,
און ווידער הערשט א שטילע רוה.

די פייער־ברעם, פון יונגען טאָג,
זי ווערט איצט אויסגעקושט פון גאָט.
עס בליצט ארום דעם בורא׳ס סוד
און שפרייט זיך אויס און שמייכעלט אויף.
ער שיקט זיין ליבען שמייכעל באלד
צום העכסטען שפיץ פון העכסטען בארג;
און לוסטיג טאַנצט ער און ער פאַלט
פון בארג אראָפּ אין פרייען פעלד;
פון פעלד אין טאָל, פון טאָל אין וואלד;
פון וואלד צום טייך און גלייך אין שטאָדט.

און הייליג־שטיל, און הייליג־פרום,
ער פלאַטערט אויף א דעבעל אום,
און זוכט זיך אויף א לאָדען וואו,
און דורך דעם שמאָלען לאָדען־שפּאַלט
אין אַן אָרעם שטיבעל פאַלט,
און גיסט דאָס שטיבעל אָן מיט רוה,
מיט רוה און פרייד און שטילען גליק.

מײַן חיים

עס פלעכט זיך אויס פון פענסטער־שויב,
פון לאָדען־שפּאַלט, צום ספרים־שראַנק,
אַ שטראַלען־בריק, אַ הענגעל־בריק,
פון פּאַסען גאָלד און זונען־שטויב.

דער מענש, דער מידער, ווערט ערוואַכט;
דאָס קינד, דערזעהט דעם שטראַל און לאַכט,
דאָס קינד איז גאָס שוין לויפט אַרום
און שטיפט דאָרט מיט די פייגעל אום.
עס קומען טויבען אָן פון הויף
און טוקען זיך אַראָפּ, אַרויף.
זיי קומען וואָרקענדיג פון באַרג,
און שטעהען שוין אין מיטען מאַרק
און קלייבען יעדער זשאַרקע אויף.

און אידען ציהען שוין אין שוהל,
און געהענדיג פאַרביי דעם מאַרק
באַלאָדענט מיט די תפילין־זעק,
אַ יעדער טויב באַזונדער טרעט
פאַר יעדען אידען אָפּ דעם וועג.

דער אייביגער וואָגלער, דער ווינד

וואָס יאָמערט און צאַפּעלט היינט נאַכט פאַר מיין פענסטער
דער אייביגער וואָגלער, דער ווינד?
ווי שרעקליך דער יאָמער! צי געהט ניט דאָרט ערגעץ
אַן עלענדע שלאַנג איצט צו קינד?

וואָס טראָגט זיך פון ווייטענס אַ מורא'דיג בילען
פון טשאַטעס פערהונגערטע הינט?
וואָס טהוט זיך אין דרויסען? צו האָבען ניט שדים
גע'גנב'עט היינט ערגעץ אַ קינד?

ווי פינסטער אין דרויסען! עס טונקט זיך אין חשך
ווי עפּעס אַ שרעקליכער סוד.
וואָס בילען די כלבים? צי דרייט זיך ניט אומעט
דער מלאך המות אין שטאָדט?

דער ווינד האָט נאָך קיין מאָל אזוי ניט געיאָמערט
ווי היינט זייגער צוועלף ביינאַכט;
ניט אַנדערש, ווי לילית האָט היינט ביי אַ שד'ל
מיט מזל אַ „פאַרשפּיעל" געמאַכט...

און אפשר באַזעצט מען שוין טאַקע די כלה
און ס'בדחנ'ט אַ שד'ל אַצינד?
איך ווייס ניט... איך ווייס בלויז, אַז קיינמאָל ביז איצטער
געיאָמערט אזוי האָט דער ווינד...

ר׳ יאָשע מלמד

ער וויל קיין פּאַלאַצען, קיין שלעסער, קיין קנעכט,
דער אַלטער דער פרומער מלמד;
ער וויל קיין בריליאַנטען, קיין זילבער, קיין גאָלד,
קיין אַטלעס, קיין זייד און קיין סאַמעט.

ער וויל נישט קיין עופות, קיין שטרודלען, קיין וויין
ער וויל אין קאַרעטען נישט פאָהרען.
ער וויל אין בית המדרש דאָ איינער אַליין
פאַרברענגען די עטליכע יאָהרען.

ער בעט נאָר ביים גרויסען, אַלמעכטיגען גאָט
אַ טעפּעל מיט הייסע קאַרטאָפעל,
אַ מלבוש געמאַכט פון אַ שטאַרקען געוואַנט
און אויך אַ פּאָר גאַנצע פאַנטאָפעל.

און בלויז יעדען שבת אַ שטיקעלע פיש,
אַ ברעקעלע פליישׁ — נאָר אָהן ביינער;

י. אדלער

ער האָט נישט מיט וואָס, אך, צוקייען דאָס פלייש,
נישטאָ שוין, נישטאָ שוין קיין ציינער.

און וועט ער איהם האָבען מיט אַלצדינג פאַרזאָרגט,
דער שטאַרקער, דער מעכטיגער בורא,
דאָן זיצט ער ביים תהלים בייטאָג און ביינאכט,
דאָן היט ער אָפּ עהרליך גאָטס תורה.

ווי ליבט ער פון תהלים די הייליגע שפּראַך,
פון דוד המלך׳ס געזאַנגען;
ער זעהט דאָ דעם קעניג, ער הערט דאָ זיין האַרף,
איהם קוויקען די געטליכע קלאַנגען.

ער האָט שוין נישט איין מאָל געזונגען פון שלאָף,
געזונגען פון תהלים דעם ניגון;
ער האָט דוד׳ס האַרף דאָרט געזעהן אויף דער וואַנד
און הייליג די האַרף האָט געשוויגען.

און אָט איז אַ שטיפעריש ווינטעל אַריין,
אַריין דורך די פענסטער און טירען,
אַ פלאַטער געטאָן צו דער האַרף אויף דער וואַנט,
גענומען די סטרונעס באַרירען,

און באַלד האָט זיך שטיל אין דער ליכטיגער נאַכט
אַ געטליכער ניגון געטראָגען.
איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דער ווינד אויף דער האַרף
מזמורים פון תהלים טוט זאָגען....

עס בעט נישט דער פרומער ר׳ יאָשע ביי גאָט,
קיין אַטלעס, קיין זייד און קיין סאַמעט;
נאָר זאָגען דעם תהלים בייטאָג און ביינאַכט,
עס ווינשט זיך ר׳ יאָשע מלמד...

אַן עין הרע

זיצט מיין אַלטע באָבע, שרה,
גע̄ל ווי וואַקס און איינגעבויגען,
שטריקט אַ זאָק פון בלויען באַוועל,
דרעהט די שפּיזלאַך, צעהלט די „אויגען".

פאַלט אַריין די מומע שיינדעל,
וויינט מיט טרערען: „שרה, שרה,
אסתר מיינע ליגט אין פיבער,
שפּרעך איהר אָפּ אַן עין הרע."

שפּייט די באָבע דריי מאָל אויסעט;
גלייכט דעם רוקען אויס, דעם מידען;
שעפּטשעט עפּעס, און זי גניצט,
און די מומע — איז צופרידען.

שפּעטער זאָגט דער פעטער הערשעל
צום מלמד, אַשר אַבאַ:
„שרה האָט מיין קינד גערעטעט,
האָבען זאָל זי עולם הבאָ."

און אויף מאָרגען — איך און אסתר
דראַפּען זיך שוין אויף די פּלויטען,
און אַ גוי, אַ בייזער, פּילדערט:
„ניט צוטרעט די אַרבעס־שויטען!"

י. אדלער

די באָבע דערצעהלט

עס האָט מיר מיין באָבע דערצעהלט, אז א מאָל,
געשטאַנען א שטיבעל איז טיף אין א טאָל.
א גאָרטען ביים שטיבעל געווען איז צובליהט,
געוואוינט האָט אין שטיבעל אַן עהרליכער איד.

ביים איד איז אַן איינציגע טאָכטער געווען,
א כשר׳ע טאָכטער, געראָטען און שעהן.
מיט שווארצע, געקרייזעלטע זיידענע האָר,
מיט שווארצע פאר׳כשופ׳טע אויגען א פּאָר.

ניט ווייט פון דעם שטיבעל, גאַר אונטען אין טאָל,
גערוהט האָט אַ טייך ווי א שפּיגעל פון שטאָל,
דאָס מיידעל, עס האָט צו דעם טייך זיך געבוקט
און האָט אין דאָס שטאָלענע וואסער געקוקט.

געקוקט אין דאָס וואסער, נאָך עפּעס געבענקט.
געווען איז איהר פּנים פון בענקשאפט געקרענקט;
און זי האָט געזעהן, אז פון טייך'ס טיפען שוים
א מיידעל, ווי זי, קוקט פון דאָרטען אַרוים.

א מיידעל ווי זי — און זי הערט א געוויין:
„איך בין א יתומה, איך בין דאָ אַליין,
אַ, קום, שעהנע מיידעל און זיי נעבען מיר,
און זיין וועל איך, מיידעל, א חבר'טע דיר."

די זון האָט דעם טייכעל א שמייכעל געשיקט,
מיט טויזענדער גאָלדענע רענדלאך באַגליקט.
דאָס מיידעל פון טאָל האָט געצויגען צום שיין
און איז אין דעם אוצר פון רענדלאך אריין — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אויף מאָרגען געווען איז דער הימעל פאַרצאָגט,
דאָס ווינטעל ביים טייכעל האָט קדיש געזאָגט.
דאָס ווינטעל צום ערשטען — איהר טאַטע צולעצט,
עס האָט זיך דער טאַטע באַלד שבעה געזעצט.

י. אדלער

נישט דער נאַכטיגאַל און נישט די פידעל

כ'האָב געהערט שוין נאכטיגאלען טרילען,
וועלט־באריהמטע קינסטלער שפּילען;
טאָן־מכשפים, וואס באשאפען טענער
פון מלאכים און פון געטער שעהנער.
טענער, וואס זיי לאכען, וויינען, בעטען,
טענער, ווי פון גאָלדענע קלארנעטען,
וואָס לעגענדען פון בת־מלכה'ס וועבען,
וואָס עס ווילט זיך צוליב זיי נאָר לעבען;
לעבען, אום זיי ווידער קענען הערען,
הערען זיי און ווידער יונג נאָך ווערען.
טאָן־מכשפים, וואס זיי מאכען סטרונעס ריידען,
מעשה'לעך דערצעהלען פון גן־עדן;
וואָס פון העלזער און פון פידלען ציהען
וואונדער־שעהנע מעלאָדיען.

כ'האָב געהערט שוין די מכשפים שפּילען.
דאָך זיי קענען מיר דעם דורשט ניט שטילען:
נישט די נאַכטיגאַל און נישט דער פידעל,
קאָן זיך גלייכען צו דעם לידעל,
וואָס מיין מאַמע האָט געזונגען
ביי מיין קינדער־וויגעל.

ליכט־בענשען

עס לאָזט זיך שוין די זון אראָפּ,
זי שיקט דער וועלט איהר לעצטען סוד.
די וואָלקענס חנ׳דלען זיך אין גאָלד,
דער שבת קומט אריין אין שטאָדט.

מיט פרומקייט טוט די מאַמע אָן
דאָס זיידען־טיכעל אויף איהר קאָפּ;
און פון דער אַלטער שראנק זי נעמט
די שבת־לייכטער שטיל אראָפּ.

זי שטעלט זיי אויף דעם טיש אוועק
און שמעלצט אריין די חלב־ליכט;
זי צינדט זיי אָן און טוט אַ פּאָך,
טראָגט צו די הענט צו איהר געזיכט.

זי ווינט זיך שטיל. איך קוק און זעה:
איהר שאָטען ציטערט אויף די ווענט.
דער אפשיין פון די שבת־ליכט
באַרויטעלט איהרע ווייסע הענט.

י. אדלער

אַ פּעקעל בריוו

כ'האָב אַ פּעקעל אַלטע בריוו געפונען.
מיט אַ שפּינוועב אַרומגעשפּונען.
מיין מאַמעס בריוו;
מיט איהר ציטערדיגער האַנט געשריבען;
דאָס איז די איינציגע ירושה פון איהר
וואָס מיר איז געבליבען...

עס איז די ירושה מיר הייליג און טייער,
איך וואָלט זיי פאר מיליאָנען און מיליאַסען
נישט אוועקגעגעבען;
די בריוו דערמאָנען אַלטע, טיפע וואונדען;
אַ יוגענד, וואס איז לאנג שוין לאנג פארשוואונדען;
עס וויינען פון די בריוו אַרויס מורא'דיגע ליידען;
אַ ים מיט וועה און צער און ניט קיין טראָפּען פריידען...

דאָס פּעקעל בריוו — עס איז מיר ליב און טייער.
איך בינד דעם פאָדים אויף...
די מאַמע קומט מיר אויפ'ן זינען;
כ'ציה אַרויס דעם ערשטען בריוו,
ליגען דאָרט צוויי טויטע שפּינען...
איך נעהם אַ צווייטען בריוו אַרויס, אַ דריטען;
יאָ, דאָס איז איהר כתב... מיט איהרע הענט
געשריבען.
דאָס איז די איינציגע ירושה וואס מיר איז
פון איהר געבליבען...

מיינע פּאָרטרעטען.

איך שטעה און קוק מיט וועה אויף מיינע בילדער צוויי,
און ס'גאנצע, גאנצע לעבען זעה איך דאָרט אין זיי.
דאָס צווייטע בילד איז עלטער בלויז מיט צוואנציג יאָהר
און דאָך — ווי גראָה און ווייס עס זיינען שוין די האָר...

כ'באַטראַכט מיט טיפען וועה צו ערשט דאָס ערשטע בילד:
עס שמייכלען מיינע ליפּען ליב אַזוי און מילד.
און אויגען — טיפע גרויסע יוגענד־קוואַלען צוויי,
און גליק און פרייד פון אַלטע דורות רוהט אין זיי.

און ס'איז דער שטערען שטאָלץ און ליכטיג אָהן אַ קנייטש,
פאַרזוכט האָט נאָך דער שטערען ניט די לעבענס־בייטש.
דער רוקען גלייך. דאָס פּנים לויכט מיט פרייד.
איך זעה מיין לעבענס־וועג מיט רויזען אויסגעשפּרייט.

איך טרוים... און הייליג ווי די גאָטהייט איז דער טרוים.
און פּורפּור־העל עס פינקעלט אויף דעם מזרח'ס־זוים;

י. אַדלער

עס בליצט פאַר מיר אין גאָלד געקליידט א יונגער טאָג,
דער הימעל זאָגט: „דאָס גאַנצע ליכט וואָס איך פאַרמאָג:

„מיין גאָלד, מיין שטראַהל, דעם ים, דעם פרישען זומער־ווינד,
דאָס אַלעס שענק איך דיר, בלויז דיר, מיין טייער קינד.
יאָ אַלעס, אַלעס קינד מיינס, שענק איך דיר אוועק".
איך האָב געטרוימט, געהאָפט און אָפּגעהאָפט די טעג.

„די טעג... די יאָהרען... איצטער בין איך גראָ און אַלט
אין צווייטען בילד איך זעה מיין אַלט און גראָ געשטאַלט;
איך שטעה ביים בילד און קוק און פרעג ביי זיך אַליין:
„צי האַלט שוין דען מיין לעבענס־זון אין אונטערגעהן?"

„צי קומט שוין אָן מיין לעצטע שוואַרצע שעה?"
און ס'ליגט דער אומעט טיף אין האַרץ מיר ווי א קראָה
און צופּט און גריזשעט מיט זיין שנאָבעל טיף אין האַרץ,
און עפּעס ווערט דאָרט אַזוי חושך, אַזוי שוואַרץ.

איך זעה דאָס בילד. עס קוקט אַרונטער פון דער וואַנט.
איך פרעג מיט טרויער: „וואָס פאַר א געהיימע האַנט
האָט אָפּגעמעקט פון מיין געזיכט די ווייסע פרייד
און איבער מיר אַזוי פיל אומעט אויסגעשפּרייט?

„און וואָס פאַר אַ געהיימע אומבאַקאַנטע מאַכט
פאַרוואַנדעלט האָט מיין ליכטיגקייט אין טיפער נאַכט.
און איינגעשניטען אין מיין שטערען קאַרב נאָך קאַרב?
און ווער מעס שטימע הער איך איצטער זאָגען: „שטאַרב?"

עס שווייגט דער הימעל און עס שווייגט די שטומע ערד.
שוין בליצט דער בלאַנקער שאַרף פון שוואַרצען מלאך'ס שווערד,
און ס'ענדיגט זיך דער טאָג פון מיינע לעצטע טעג —
איך וואַרף מיין לעצטען בליק און מאַך זיך גרייט אין וועג.

אידישע טעכסטער

י. אדלער

דאָס באַהאַלטענע טייכעל

אין טיפען וואַלד אַ טייכעל רוהט
באַהאַלטען ווי אַ סוד;
פון טייכעל ווייסט אַ מיידעל בלויז,
אַ מיידעל בלויז און גאָט.

אין זומער־טעג זי קומט אהין
און טוט זיך דאַרטען אויס,
און באָדט איהר שעהנעם קערפּער אויס,
און געהט צוריק אַרויס.

עס קומען מענשען ניט אַהין,
זיי ווייסען ניט דעם וועג;
דאָס מיידעל נאָר, זי קומט אהין
אין הייסע זומער־טעג.

זי געהט אַרויס און טרייסעלט אָפּ
דאָס וואַסער פון איהר צאָפּ,
און פון דער הויך אַ זונען־שטראַל,
ער שפּילט זיך אויף איהר קאָפּ.

נאָר ווי מען קומט צום טייך אהין —
דאָס איז אַ טיפער סוד;
איהר קערפּער ווערט באַוואונדערט נאָר
פון שטראַלען און פון גאָט.

דריי און אכציג

אין אַ גאָרטען

אין אַ שעהנעם גרינעם גאָרטען
הינטער הויכע בוימער דאָרטען,
שטעהט אַ הויז אין גרינס געטונקען,
אין אַ ים פון זונען־פונקען.
פון דער זון אַ פענסטער בליצט,
און דערביי אַ מיידעל זיצט.

איז דאָס פּנים פון דער מיידעל
ווי אַ בלימעל צאַרט און איידעל,
און פאַר'חלום'טע צוויי אויגען,
זיצט ביים פענסטער אויסגעבויגען,
האַלט איהר בלאָנדען קאָפּ אַראָפּ,
און זי שפּילט זיך מיט איהר צאָפּ.

האָט אַ חלום מיך געפאַנגען,
גליהט אין הארצען אַ פאַרלאַנגען,
און עס שטראָמט אַ קוואַל פון פריידען,
און דאָס מויל — עס קאָן ניט ריידען.
בלייב איך ווי פאַרגליווערט שטעהן
און איך קאָן ניט ווייטער געהן.

הויבט זי אויף די סאַמעט־בליקען,
טאַנצט מיין הארץ מיט טויזענט גליקען;
וויל זיך אייביג, אייביג לעבען
און אַ דאַנק דעם בורא געבען,
וואָס ער שענקט דאָס לעבען מיר
כאָטש אַ קוק צו טאָן אויף איהר.

י. אדלער

קום

נו, קום שוין, חנה, קום אין פעלד,
פארלאז דיין טאטענס הויז;
און זיין וועל איך דעם הימעל׳ס טוי,
און דו וועסט זיין די רויז.

נו, גיכער שוין, מיין ליבעם קינד,
אין פעלד צום פרישען קוואל!
און זיין וועסטו די זאנג, און איך —
און איך — דער זונען־שטראל.

נו, גיכער שוין, מיין ליבעכ קינד,
אין פעלד איז פריש און גרין.
און זיין וועסטו אין פעלד מיין בלום
און איך וועל זיין די ביהן.

חנה׳לע

מיין מומע׳ס טאָכטער חנה׳לע,
זי האָט צו זיך קיין פּאָר:
אַ בלאַסע רויז, אַ צערטליכע,
פון אַלטען, פרומען דור.

ביי חנה׳לען דאָס פּנים׳ל
איז תמימות׳דיג און קלאָר;
די אויגען — שווארצע, אידישע,
און שווארצע, לאַנגע האָר.

אַ כּשר הארץ, אַ גאָלדענעם,
און ערדעלע געשטאַלט —
מיין מומע׳ס טאָכטער חנה׳לע
איז פופצעהן יאָהר ערשט אַלט —

און שוין איז ביי איהר חתונה.
ווי שעהן זי איז, באַ׳חנ׳ט;
אָט שערט מען אָפּ איהר לאַנגען צאָפּ
און חנה׳לע — זי וויינט.

אַ פידעלע, אַ הייזעריגס,
צוכליפּעט זיך און רעדט:
סע׳שפּילט אַ טרויריג וואָליכעל,
אַ יתום׳דיג געבעט.

אָט הערט זיך שוין דער „הרי־את",
עס קלינגט אַ „מזל־טוב";
דער שמש נעמט די חופּה צו,
געענדיגט און אַ סוף!

זעקס און צוואַנציג

י. אדלער

עס וועלקט א אידיש ווייבעלע,
עס וועלקט א יונגע רויז;
איהר מאן, א יונג מלמד׳יל,
איז קיינמאל ניט אין הויז.

א חודש נאך דער חתונה
איז קנעלען ער אוועק;
פארוואָרפען אין א דערפעלע,
פארוואָגעלט אין א העק.

און היינט האָט זי א בריוועלע
באקומען פון איהם דאָרט;
זי לייענט און לייענט, און הארציג־ליב
איז איהר זיין יעדעס וואָרט:

„איך קנעל דאָ אין א אלקעריל,
ס׳איז ווארים דאָ און ריין;
איך האָב א בעט, אן איבערבעט
איך לעב מיר זעהר שעהן.

„און שלאָף איך איין באלד חלום׳ט מיר,
באלד חלום׳ט מיר פון דיר.
ווי ווייט איך בין פון שטעדטעלע,
ווי ווייט דו ביזט פון מיר!

„די קרעטשמע ליגט אין טיפען טאָל,
די סטעזשקעס דורך אין ליים;
איך קום מיט גאָטעס זיינער הילף
אויף פסח ערשט אהיים.

„און אכציג גולדען גיט מען מיר
שוין פאר דעם זומער־זמן;

נו, זיין געזונט און שטארק, מיין ווייב
פון מיר, דיין ליבער מאַן.״

זי לייענט און לייענט דאָס בריוועלע,
זי לייענט דאָס פילע מאָל :
„די סטעזשקעס זיינען דורך אין ליים.
די קרעטשמע ליגט אין טאָל.

„איך קום מיט גאָטעס זיינען הילף—״
אוי ועה, ווי ס׳קריכט די צייט !
ס׳איז ערשט אַ וואָך נאָך חנוכה,
צו פסח אַזוי ווייט.

זי לייגט אַוועק דאָס בריוועלע
און נעמט פון וואו אַרויס
אַ שטיקעל בלאָע סאַמעט־שטאָף
און לייגט דאָס אויף איהר שויס.

און שניידט אַ תפילין־זעקעלע
פון בלאָען שטאָף אַרויס,
און נעהט פון זילבער־טאַשמעלאַך
אַ מגן־דוד אויס.

זי נעהט שוין צו די פרענזעלאַך —
נאָר אָט פאַלט צו די נאַכט ;
אַ גרויער הימעל קוקט אויף איהר,
און חנה׳לע, זי טראַכט.

זי טראַכט, זי האָפט, זי בּיינקט און זיפצט
און רעכענט אַלץ די צייט :
אַ וואָך איז ערשט נאָך חנוכה
צו פסח אַזוי ווייט !

י. אַדלער

א בליהענדער גאָרטען

א בליהענדער גאָרטען, א בליהענדער סאָד,
עס גרייכט ניט אַהינצו דער טומעל פון שטאָדט.
אין גאָרטען פאר חנה'ן א שעהנעם ראָמאַן
איהר חתן לייענט פאר. ס'איז דאָרטען פאראַן
א ליבענדער בחור, א מיידעל באַ'חנ'ט —
ער לייענט דעם ראָמאַן און זיין חנה'לע וויינט.

אַט לייגט ער דעם אָפענעם בוך אויף זיין שויס,
ער נעהמט ארום חנה'ען, זיין בליהענדע רויז,
ער קושט זי און האלזט זי, און ווערט גאָר ניט זאט,
א ווינטעל, ער קומט און פארמישט איהם א בלאַט...
און באַלד נאָך דעם בלאַט — אפשר צעהן מיט אַמאָל.
און חנה'לע שעפּטשעט: „איך ליב דיך, ישראל!"

באַהאַרצט איז זיין כלה — א זוניגער טרוים.
ער שניצט אוים איהר נאָמען ניט ווייט אויף א בוים.
עס שמייכעלט זיין חנה, זיין בליהענדע רויז,
עס זעהט זיך צווישען די בוימער איהר הויז.
און דאָרט ביי א פענסטער, באַגאָסען מיט שיין,
איהר טאַטע ער קוקט אין א ספר אריין.

אסתר

ס'איז פאראן א אידיש שטעדטעל,
וואו עס לויערט בייז דער קומער,
און עס פלאטערט אום דער דלות
מיט א קללה, מיט א שטומער.

אין דעם שטעדטעל אין דעם קליינעם
ביי אן ארים בשמים־קלייטעל,
זיצט די אלטע גרויע אסתר —
א פארוועלקטע אסיען־קוויטעל.

זיצט די אלטע גרויע אסתר,
און זי בלעטערט איהר זכרון.
בילדער וויקלען זיך פאנאנדער,
בילדער פון די כלה־יאהרען:

ס'דערפעל טאפיעט זיך אין שנעען,
און עס רוהט אין טיפען דרימעל.
נאר דער ווינט, דער כעסן, שליידערט
ווייסע דימענטלאך צום הימעל.

י. אדלער

ליב און ווארים איז אין שטיבעל,
ס'פלאקערט אין דער קיך דאָס פייער,
אסתר שטעהט און קוקט אין פענסטער
אין דער ווייסקייט, אין דער פרייער.

עפּעס ציהט איהר און עס מאַניעט,
ווייט פון דערפעל וויל זי שוועבען,
מאָדנע בענקענדיגע בילדער
נעהמען אין איהר הארצען וועבען.

שטיל. עס דונקעלט שוין אין שטיבעל,
און איהר טאַטע דאוועט מנחה
לעבען אויסגעשניצטען מזרח,
וואו עס הענגט דאָס טלית-זעקעל

און די וואַקסענע הבדלה —
פּלוצים טוט די טיר א סקריפּע,
ס'יאָגט אריין א ווייסער פרעסטעל,
און אין איינעם מיט דעם פרעסטעל
קומט דער שדכן רב נפתלי.
אסתר קערט זיך אָפּ פון פענסטער,

עפּעס הערט זי מאָדנע ווערטער.
און מחשבות, ווי געשפּענסטער,
נעהמען צאַפּלען. האסטיג שלאָגען.
ווי עס וואָלט דאָס הארץ איהר זאָגען,
אז אברהמ'ל ווערט איהר חתן.

שבת נחמו איז געקומען:
ס'איז פארזאמעלט די משפּחה;
ס'איז א שמחה היינט ביי אלע:

איין און ניינציג

מזל־טוב דיר, שעהנע כלה!״
„פריילאך שפּילען די כלי־זמרים,
אסתר טאנצט מיט אלע מיידלאך.

„צום באדעקענס!״ — הערט מען שטימען,
אסתר וויינט און טרערען רינען.
ס׳ווערען איהרע צעפּ צופלאכטען.
„אונטערפיהרערס! לאזט זיך הערען!״

באלד באווייזט זיך שוין דער שמש
מיט דער רויטער אטלאס־חופּה.
און מיט פייערליכע פרומקייט
שטעהט רב סענדער׳ל דער דיין,
לייענט די כתובה מיט׳ן קנין —
זי באגרייפט דא ניט דעם רעיון.

נאך דער חופּה. פריילאך, לוסטיג;
רעדלאך מחותנים טאנצען;
און מען קושט זיך מיט דער כלה.
טרערען אין די אויגען גלאנצען.

ס׳איז שוין נאך די שבע־ברכות.
בלויען נעמט שוין דער פרימארגען.
שטילער, שטילער ווערט אין שטיבעל.
א מחשבה, וואו פארבארגען,
ענבערט, נאיעט עפּעס מאדנע.

און זי בלעטערט איהר זכרון:
זי פארלאזט שוין טאטע־מאמע,
וואוינען פאהרט זי אין דעם שטעדטעל
מיט אברהם׳לען צוזאמען.

י. אַדלער

אַליין מיט איהר

מיר האָבען זיך אין פרייען פעלד באגעגענט;
דער טאָג האָט דעמאָלט זיך מיט אונז געזעגענט.
פון מערב׳ס־שיין א רויטער גארב,
באַפארבען האָט מיט פייער־פארב,
די העכסטע בערג;
און מיר אליין, מיר בלייבען ווי פאר׳כשופ׳ט שטעהן,
און זעהען ווי עס שימערט אויף
פאנטאסטיש־רייך די געגענד.

די זון, זי ווארפט ארונטער סנאָפּעס רויטע זאנגען,
וואָס ווערען פון די שפּיצען־בערג געפאנגען.

און וואָלקענס גרויע, זאפראן־בלויע,
זאמלען זיך, אין גאנצע כתות
שטום און טרויעריג, ווי צו קבר אבות.
דער סאָסנע־וואלד, דער אַלטער שטאָלצער זקן,
שטעהט פארטיפט אין הייליגע מחשבות —
ס׳ווערט דער טאָג צווישען בערג פארלאָרען.

איך געה אין פעלד מיט איהר אליין,
ארומגעהילט אין סודות־שטילען שווייגען.
די לעצטע מעריב־שטראלען
צאנקען אויף די הויכע סאָסנע־צווייגען.
א בענקשאפט־קוש וואָס האָט געבלאָנדזשעט
אויף די זאנפטע ליפּען איהרע,
האָב איך שטיפעריש געפאנגען.
און דער קוש איז, ווי א תפלה
שטיל אין פעלד ארומגעגאנגען.

מיר פעהלט קיין זאך

די לבנה גיט מיר זילבער,
פערל שענקט דער ים;
און די זון, זי שענקט מיר גין־גאָלד
און איהר פורפור־פלאַם.

ס'גיט דער גאָרטען מיר די בלומען
און דאַס פעלד איהר זאנג;
און דער וואלד זיין קיהלען שאָטען
און דאַס זיס געזאנג.

פירות גיבען מיר די בוימער
וואסער גיט דער קוואַל;
רוהען, רוה איך ביי די פעלזען
נאָהענט פון וואסער־פאַל.

אין די שטערן־נעכט פון זומער,
ווען די לופט איז בלוי;
ווען פון הימעל אויף די גראזען
פאַלט א פרישער טוי,

דעמאָלט קומט צו מיר מיין ליבע
אסתר'ל צוגעהן,
מיט א ווארים הארץ א גאָלדענס,
ווי א דימענט ריין.

י. אדלער

אויפ'ן טייך

מיר זיינען אין א זומער־פריה
צום טייך אוועקגעגאנגען,
עס האָט די ערד מיט פרישען טוי
און יונגען גראז געדופט;
א פויגעל אין א פעלזען־שפּאלט
געבויט האָט זיך א נעסט'ל,
און ס'האָבען זילבער־פעדימלעך
געהאנגען אין דער לופט.

פון גרינעם ברעג אין טייך געקוקט
עס האָבען יונגע ווערבעס;
דער וואלד געגרינט האָט יום־טוב'דיג,
אין מאָרגענ'ס שעהנסטע שעה;

א ווינטעל, ווי א מאמע טריי,
געוועהעט האָט אין פּנים —
מיט פאָהרען אויף א שיפעלע,
דער טייך איז ריין און בלאָ.

און לידער פון דעם נאָהענטען וואלד
די מאָרגען־לופט פארקלינגען,
פון וואלד־געזאנג און זונען שיין
עס שפּינט זיך אוים א טרוים.
דאָס שיפעלע, עס טראגט זיך פריי
און גליטשט זיך אויף די וועלען,
און לאָזט נאָך זיך א סטעזשקעלע,
א סטעזשקעלע פון שוים.

אין גאָלדענעם נאָכמיטאָג האָט
דאָס שיפעלע געשוואומען,
אין גאָלדענעם נאָכמיטאָג האָט
דאָס ווינטעלע געוועהט;
דער גרינער ברעג געאָטעמט האָט
מיט הייליגע רמזים...
אין שיפען זיך, אין חלומ׳ען,
דער זומער טאָג פארגעהט.

און אויף דעם טייך די זון זי ווארפט
אָרונטער רויטע בענדער,
וואָס הילען איין דאָס שיפעלע
אין רויטען־שטילען פּראכט;
דער פעלז, ער טראגט א טלית מיט
א גאָלדענע עטרה
און שיקט אויף אונז פון שפּיץ אראָפּ
א שטילע, פרומע נאכט.

אויגען־זונען

שלאָפט איצט חנה אין איהר אלקער
און פון שלאָף זי לאכט —
שליסט נאָר חנה איהרע אויגען,
פאלט באלד צו די נאכט.

כ'זאָל נאָר זיין איצט אין איהר אלקער,
וואָלט איך איהר געזאגט:
„חנה, עפען אויף די אויגען"
און עס וואָלט געטאָגט.

ס'וואָלטען הימעל־בלויע אויגען
באלד זיך אויפגעמאכט,
און צוויי זונען — תמוז־זונען
וואָלטען זיך צולאכט.

איך וואַרט

זי האָט געשמייכעלט און געזאָגט:
„איך קום היינט נאכט צו דיר.
ראַם אויף דאָס שטיבעל ציכטיג, ריין,
פאַרקייטעל ניט די טיר".

נו, האָב איך בלומען אנגעגרייט,
געשטעלט זיי אויפ'ן טיש;
דעם שטויב פון סאָפא אפגעשטויבט,
געמאַכט אלץ ריין און פריש.

י. אדלער

און אָפּגעשטויבט אויך איהר פּאָרטרעט,
באטראכט איהר ליבען בליק,
און צו די ליפּען צוגעפּרעסט,
געחלומ׳ט פון מיין גליק.

שוין נאכט. איך זיץ אליין אין הויז
און ווארט אויף איהר און ווארט —
וואָס קען דאָס זיין? וואָס קומט זי ניט?
צי האָט זי מיך גענארט?

עס קען ניט זיין! זי האָט געזאָגט:
„איך ליב דיך אָהן א ברעג״ —
זי קומט, זי קומט, זי איז געווים
אצינד שוין אויפ׳ן וועג.

שא, שטיל. אָט הערט זיך א גערויש.
עס קלאַפּט מיין הארץ. איך האָרך —
דאָס האָט א צווייגעל פון א בוים
געטאָן אזוי א שארך.

דעם שכנ׳ס זייגער שלאָגט שוין צוועלף.
עס קרעהעט שוין דער האָן.
איך הער א טריט... ניין, ניין. דאָס האָט
די טיר א סקריפּ געטאָן.

דער זייגער שלאָגט שוין איינס און צוויי
און ערגעץ וויינט א קינד —
עס גיט א קלונג א פענסטער־שויב,
באריהרט פון אָווענט־ווינט.

אַ פאַרזעסענע

גאָלדעלע׳ן רעדט מען אַ חתן.
און זי וויל ניט הערען דערפון —
גאָלדעלע איז נאָך אַ יונגע
און שעהן, ווי די ליכטיגע זון.

אויגען האָט גאָלדעלע בלויע,
מיט שטראַלענדע בליקען אין זיי;
קלאָרע, צוויי לויטערע הימלען
מיט זונען מיט ליכטיגע צוויי.

אַ גוטע, אַ פרומע נשמה,
אַ חלום, וואָס לעבט אויפ׳ן וואָר;
פלאַמענדע רויזען — די באַקען,
און גאָלדענע, זיידענע האָר.

י. אדלער

און עהרליכע גוטע חתנים,
זיי בעטען ביי גאָלדע'ן די האנד;
און גאָלדעלע לאכט פון זיי אלע,
זי וויל נאָר דעם רייכסטען אין לאנד.

גאָלדעלע'ס מאמע נעהמט וויינען,
און גאָלדעלע'ס קעפעל זי גלעט:
„קינד מיינס, ניטווארט אויף קיין גליקען,
די גליקען, זיי קומען צו שפעט".

עס לויפען, עס פליהען די יאָהרען,
און גאָלדעלע זיצט און זי זיצט;
און גאָלדעלע וויל שוין א חתן,
און גאָלדעלע'ס יוגענד פארבליצט.

צודרעהטע, צורונצעלטע קנייטשען
באדעקען שוין גאָלדע'ס געזיכט —
און גאָלדעלע'ס זוניגע אויגען
פארלירען דאָס גאָלדענע ליכט.

די מאמע, זי קוקט אויף איהר טאָכטער
און זי זיפצט און זי זיפצט אזוי שווער;
עס קען שוין די מאמע ניט וויינען,
ניטאָ שוין קיין איינציגע טרעהר.

און גאָלדעלע שעהמט זיך פאר לייטען,
זי קומט פון איהר שטוב ניט ארויס;
די מענשען פון שטעדטעל, זיי זאָגען:
„זי קוקט ווי איהר מאמע שוין אויס".

די משוגענע כלה

— וואו לאָזטו זיך, מיידעל, פון הויז איצט ביינאכט,
עס איז דאָך א ווינט און עס גיסט דאָך א רעגען ?
— „איך געה איצט מיין חתן, מיין ליבען, אנטקעגען...
מיין חתן, מיין ליבער, ערווארט דאָרט אויף מיר...
וואָס הער איך דעם ווינט און וואָס הער איך דעם רעגען ?
ס'איז פינסטער אין דרויסען... ער זעהט ניט דעם וועג.
ניטאָ דאָרט קיין מענשען ביי וועמען צו פרעגען...

„אָט געהט ער, דער חתן... און קלעזמער נאָך איהם.
עס פיהרען איהם אידען... איהר הערט די געזאנגען ?
די פעטערס, די מוהמעס, מיט ליכט אין די הענט,
עס שטעהט שוין א חופה... זיי האַלטען די שטאנגען.

„און חבר'טעס טאנצען. מען האַלזט מיך, מען קושט.
ווי שעהן איז דער חתן. די אויגען — צוויי פלאַמען.
ניטאָ שוין קיין קלעזמער, פארלאָשען די ליכט.
מען לאָזט מיך אליין מיט דעם חתן צוזאַמען.

„עס ליבט מיך דער חתן... ער שווערט זיך פאר מיר,
אז זיין וועט ער אייביג צו מיר א געטרייער...
ער גלעט מיך אזוי. און ער ליבט מיך נאָך מעהר
און ס'ברענען די קושען אזוי ווי א פייער..."

י. אדלער

צוויי הערצער

קוקט אַ בחור דורך אַ פענסטער
און ער זעהט אַ מיידעל געהן.
טראַכט דער בחור: ס'איז דאָס מיידעל
ווי אַ געטין אַזוי שעהן!

בלאָנדע האָר און בלאָע אויגען
און עס נאָגט זיין הארץ און קלעמט;
„גאָט, ווען איך באַזיץ דאָס מיידעל!״ —
טראַכט דער בחור האַלב־פאַרשעמט.

קוקט אַ מיידעל דורך אַ פענסטער
און זי זעהט אַ בחור געהן,
טראַכט דאָס מיידעל: ס'איז דער בחור
ווי אַ מלאך אַזוי שעהן!

שווארצע האָר און שווארצע אויגען —
און עס נאָגט איהר הארץ און קלעמט;
„גאָט, ווען איך באַזיץ דעם בחור!״ —
טראַכט דאָס מיידעל האַלב־פאַרשעמט.

אַזוי קוקען זיי דאָרטביידע
יעדען טאָג אין גאַס אַרויס,
און צוויי הערצער בענקען, בענקען,
און פאַר ווייטאָג געהען אויס.

קומט מיר אסתר אויפ'ן זינען

אין א גאָרטען שטעהט א שטיבעל
מיט א ציגעל־קוימען;
אין דעם גאָרטען וואקסען טרויבען
עפּעל, בארען, פלוימען.

רויטע קארשען, שווארצע ווײַנשעל;
זיסע ארבעס שויטען;
נאָך די ארבעס־שויטען קומען
פרעמדע אַלטע פלויטען.

דאָרט איז אויך פאראַן א שטיבעל,
וואוינט דאָרט משה־לייזער.
שרייט ער תמיד אויף זײַן טאָכטער —
אוי, איז ער א בייזער!

אסתר, אסתר הייסט די טאָכטער.
האָט זי בלויע אויגען;
ס'דאכט, די זון אין הימעל האָט איהר
ליכט פון זיי געזויגען.

שעהנע אסתר! זאָג, געדענקסטו
יענע שטילע שעה'ען? —
קומט מיר אסתר אויפ'ן זינען,
ווײַל מײַן הארץ נישט רוהען....

י. אדלער

א חלום, אַ שעהנעם

א חלום, א שעהנעם, האָט חנה גע׳חלומ׳ט,
דער חלום פארזיסט האָט איהר נאכט ;
א מלאך מיט פליגעל באוואכט האָט איהר בעטעל,
און זי האָט פון שלאָף דאן געלאכט.
זי זעהט אין איהר חלום איהר עלטערענס שטיבעל,
מיט ליפּאָווע בוימער פארשטעלט ;
און עפּעס אליין גאָר... ווי עמיצער וואָלט עס
פארגעסען אין מיטען דעם פעלד.
און לעבען דעם שטיבעל א קאמער, א שייער,

אין קוסטעס, אין גרינע, געהילט;
און נאָהנט איז א װעלדעל, אין װעלדעל — א נעסטעל,
אין נעסטעל — א פױגעלע שפּילט...
און אונטער דעם װעלדעל זיך קאטשעט א װאסער
און אײלט אין א װילדען געלאָפּ;
און פאלט פון א סקאלע אריין אין אַן אָפּגרונד
אַלץ טיפער און טיפער אראָפּ.
ניט װײט פון דער לאָנקע, א קװעליכעל פּלױדערט,
עס פּלױדערט דאָס קװעליכעל זיס;
א באָרװיסע לױפט זי ארום אױף דער לאָנקע
און באָדט אויס אין טוי איהרע פיס.
זי זעהט אין איהר חלום איהר טאטען, איהר מאמען,
און הײליג איז זײערס א װארט;
און שנײ-װײס דאָס שטיבעל און ליכטיג איהר אלקער;
א בילד פון א גאון העגגט דאָרט.
דער גאון פון װילנא. א זקן, א קלוגער,
א גענזענע פעדער אין האנט;
געהילט אין א טלית. ער שרײבט אין א ספר.
דאָס בילד טוט באשײנען די װאנט.
אנטקעגען דעם גאון — א מזרח, א גרױסער,
אין גאנצען געשפּונען פון זײד,
אין דער מיט א מנורה מיט רעהערלאך זיבען,
מיט גרויע צװײ סערנעס בײם זײט.
און איבער די סערנעס שטעהט משה רבינו,
א פײער אין יעדען אױג גליהט;
ער דריקט צו זײן הארץ די עשרת הדברית,
װאָס װערען פון לײבען געהיט.
און בילדער נאָך בילדער פון דערפעל, פון שטילען,
עס רופט איהר זכרון ארױס;
עס שפּינען זיך, שפּינען זיך בילדער נאָך בילדער
און נעהמען זיך קײנמאָל ניט אױס.

חונדערט און זעקס

זי וועט שוין מעהר די וועלט ניט זעהן

א פרומע קינד און וואונדערשעהן,
געהאַט האָט זי א גאָלדען־הארץ,
און איהרע לאַנגע צעפּ פארלייגט
ווי די ראָבען־פליגעל שווארץ.

און יעדען טאָג, ווען ס׳האָט די זון
דאָס אויג פון חנה׳לען ענטציקט,
האָט חנה׳ע
דער זון א ברכה אָפּגעשיקט.

און חנה'לע זי האָט געליבט,
געליבט, געליבט, און לאנג געוואַרט.
עס האָט די צייט איהר אפגענאַרט
און חנה'לע געווארען איז באטריבט.
באטריבט, פארבענקט,
און שטארק געקרענקט,
ביז חנה'לע
האָט איהר בענקשאַפט
אויסגעבענקט.

געשטאָרבען איז זי, חנה'לע;
ווען דער ערשטער שפּראָץ אויף טאָג
האָט קוים באריהרט די שפּיצען בערג,
און ס'האָט דער ערשטער מזרח-שטראַל
געוועקט פון שלאָף דאָס לאַנד.
ווען ס'האָט דער מאָרגען ערשט געהעפט
זיין רויטען פּורפּור-באַנד.
און די, וואָס האָט ביים טויטען-בעט
געוואכט, האָט שטיל ארויסגערעדט:

ווי שעהן עס קומט דער טאָג היינט אָן,
ווי שעהן עס פלאטערט אויף זיין פאָהן.
און חנה'לע
זי וועט שוין מעהר די וועלט נישט זעהן...

י. אדלער

גאָט, באַשיץ איהר

איהר געשטאַלט אַזוי ליב, איהר געזיכט — מלא חן,
און איהר הארץ אזוי גוט, אזוי פרום, אזוי ריין,
און די האָר אזוי איינפאַך פארקעמט;
און איהר קול ווי מוזיק, און איהר גאנג ווי אַ ליד
און איהר פארב ווי א בלום וואָס האָט ערשט זיך צובליהט,
פון איהר בליק ווערט די זון אזש פארשעמט...

און איך זיפץ און איך טראכט: ס'איז אַן אונגליק איהר חן,
ס'איז אַ קללה צו זיין אזוי ליב, אזוי שעהן
אין אַ שטאָדט וואו עס לויערט די זינד;
און איך בעט זיך ביי גאָט און איך בעט מיט געוויין:
„אָה, ניט לאָז דאָ פארבלאָנדזשען דאָס מיידעל אליין —
באַשיץ, גאָט, דאָס עהרליכע קינד!"

ער האָט געזעהן

ער האָט געזעהן ווי שעהן זי ווערט,
ווי פּרעכטיג זי צובליהט זיך;
האָט ער געזאָגט: „פּאַס אויף, מיין קינד,
אַ שונא קומט — זעה, היט זיך!

„אַ שונא קומט, וואָס האלט אין האַנט
אַ שאַרפען פייל־און־בויגען;
פאַרוואונדען וועט ער דיר דיין הארץ,
פאַרוואָלקענען די אויגען.

„ניט הער זיך צו צום שונא'ס רייד,
צו זיינע ליב־געזאַנגען;
זיין וואָרט איז פאַלש, זיין ליב איז פאַלש,
ער וויל דיך, קינד מיינס, פאַנגען.

„און ווי אַ ביהן זויגט אוים אַ רויז
אַזוי וועט ער אויסזויגען
דעם ליבען שמייכעל פון דיין מויל,
ד'אָס ליכט פון דיינע אויגען.

„דיין יוגענד־חן, דיין יוגענד־רייץ,
אַלץ, אַלץ וועט ער צוטרעטען".
האָסטו געלאַכט און האָסט געזאָגט:
„אומזיסט, אומזיסט, דיין בעטען".

איצט זיצסטו און דו יאָמערסט שטיל,
אַ בילד פון צער און טרויער;
דו קוקסט אויף מיר און איך אויף דיר
אוןביידע ווערען גרויער....

י. אַדלער

זי האָט איהם געשריבען

1

ער האָט איהר פֿארשפּראָכען פֿיל „גילדערנע בערג",
אונ זיס האָט געקלונגען זיין שטים;
און זי האָט געענטפערט: איך גלויב דיר, מיין קרוין,
און איז באַלד געגאַנגען מיט איהם...

דאַן האָט זי געשריבען: וואָס זעהט מען דיך ניט,
זינט דו האָסט מיין אונשולד געראובט?
און ער האָט געלעזען, געלאַכט און געטראַכט:
די נאַר האָט מיר אַלעס געגלויבט...

דאַן האָט זי געשריבען: געבאָרען א קינד,
א שעהנס ווי די ליכטיגע זון —
און ער האָט געלעזען — זיין שטערען זיך האָט
פֿארקנייטשט און פֿארכמארעט דערפֿון...

דאַן האָט זי געשריבען: דאָרט אונטער א בוים
באַערדיגט האָב איך אונזער קינד —
און ער האָט געלעזען, אין הארצען געטראַכט:
ס'איז גרינגער געווארען אצינד...

דאַן האָט זי געשריבען: איך צאַנק, איך געה אויס,
איך ווינש מיר דיין שקלאַפֿין צו זיין —
און ער האָט געלעזען דאָס בריוועל מיט שפּאָט
און חוזק געמאַכט פֿון איהר פּיין.

דאַן האָט זי געשריבען: מיין הארץ שטעלט זיך אָפּ,
אונמעגליך צו לעבען אָהן דיר;
און ער האָט געקרימט זיך און חוזק געמאַכט:
זי מיינט, זי איז איינע ביי מיר...

2

מיינע אויגען וויינען מעהר ניט,
אויסגעטריקענט ביז צום דעק;
אויסגעוויינט האָב איך די טרערען,
זינט דו ביסט פון מיר אוועק.

זינט דו ביסט אוועקגעפאָהרען
שטארקער גליהט דער ליבעס־פלאַם —
אך, ווי טיף די ליידען זיינען,
טיפער, טיפער ווי דער ים.

יעדע נאכט אין יעדען חלום
זעה איך דייטליך דיין געשטאלט —
ליבער יוסף! כ'וועל דיך ליבען
ביז מיין הארץ וועט ווערען קאלט...

3

זי האָט געשריבען: „מיין טייערער יוסף,
וואָס וועט פון מיר ווערען?
איך שרייב דיר דאָס בריוועל, מיין טייערער יוסף,
מיט בלוטיגע טרערען.

„מיין מאמע, די קראנקע, ווערט גרויער און גרויער
און הערט ניט אויף קלאָגען.
זי שעמט זיך פאר לייטען, זי קען ניט די שאנד און
דעם וועהטאָג פארטראָגען.

„איך לעב אזוי איינזאם... די חבר'טעם ווילען
מיט מיר מעהר ניט ריידען —
אך, גרוים איז מיין אומגליק, מיין טייערער יוסף,
און טיף מיינע ליידען

„פאַרשטוים מיך ניט יוסף! פאַרשטוים ניט דיין לאה'ן
איך ריהר מיך פון זינען;
פאַרנעם מיינע טרערען, אויב ניט — וועסטו לאה'ן
א טויטע געפינען!"

שבת־רוה

יעדען מאָרגען, נאָר נישט שבת,
געהט צום וואסער גיטעל;
טרייבט די גענזלאך אָנצוטרינקען,
האַלט אין האנט אַ ריטעל.

פּאָכעט פריילאך מיט דעם ריטעל,
טרייבט די גענזלאך אונטער;
מיט אַ האלז אַן אויסגעשטרעקטען
געהט דער גאָנער מונטער.

שפּעטער וואשט זי גרעט ביים וואסער
אויף אַ שטיין אַ שווערען;
גיטעל'ס מאמע שרייט מיט קולות,
ס'גאַנצע דאָרף קאָן הערען.

שבת זיצט זי אַ פּאַרקעמטע,
אויפ'ן האלז אַ טיכעל;
זיצט צווישען קוקורוזעס,
לייענט אַ אידיש ביכעל.

און אין שטיבעל שלאָפען אַלע,
אַלץ פארטיפט אין שווייגען;
אויך די גרינע בלעטער רוהען,
רוהען אויף די צווייגען.

ווינטלאך רוהען, זאנגען רוהען,
ס'הענגען שטיל די הימלען;
אויף די פּלויטען אַרום שטיבעל
מידע הינער דרימלען.

אין די נעסטען רוהען פויגעל,
אַלע, אַלע רוהען;
ס'רוהט דער ליבער שבת קודש
אוים די שטילע שעה'ען...

י. אדלער

די רויז

לייענט איהר מיין מעשה׳לע — ליינעט עס אזוי:
געוועזן איז דער הימעל פאר׳חלומ׳ט און בלוי.
קיין סמן פון וואָלקען — פאר׳כשופ׳ט און שעהן,
די טיפע, די אמת׳ע בלויקייט אליין.

און ווייט אין אַ טאָל איז געשטאַנען אַ הויז.
דאָס הויז אין א גערטעל, אין גערטעל — א רויז.
די רויז האָט פון רויטקייט און ריינקייט געגלאַנצט,
ניט אנדערש ווי גאָט האָט די רויז דאָרט פארפלאַנצט.

תונדערט און פופצעהן

און האָט ווען די רויז איהרע בלעטלעך פארמאכט,
געוואָרען איז פינסטער, געווארען איז נאכט.
און האָט איהרע בלעטלעך די רויז ניט פארמאכט,
דאַן האָט זיך דער הימעל אין שטראַלען צולאַכט.

אין שטראַלען צולאַכט און אין גין־גאָלד צוגליהט,
און אַלץ אויף דער וועלט איז געווארען צובליהט.
עס זיינען פארשוואונדען פיל יאָהרען און טעג,
עס זיינען פיל זומערס און ווינטערס אוועק.

געקומען א פרילינג — די רויז רויט און צארט,
פארוועלקט אין דעם גערטעל, פארוועלקט און פארדארט.
די רויז, וואס די זון האָט איהר הארציג געליבט,
געשטאַנען אין גערטעל איז בלאַס און באטריבט;

די זיידענע בלעטלאך געהאַלטען פארמאכט,
זי האָט ניט געבליהט און זי האָט ניט געלאכט.
מען האָט אויף דער רויז שוין געלאָזען א טרער,
און זי האָט געוויאַנעט, געוויאַנעט אַלץ מעהר...

———————————————

אויף איינמאָל עס האָט איהר א בחור דערזעהן.
אַן אָרימער בחור — אי עהרליך, אי שעהן,
צו איהר האָט דער בחור באקומען א לוסט;
ער האָט זי מיט ליבשאפט געפרעסט צו זיין ברוסט;
און זי האָט דאָס פייער פון ליבע דערפיהלט,
און באַלד זיך אין פרעכטיגע פארבען צושפילט.

אויף די רויטע וועגן

י. אַדלער

הונגער

מיר וועלען קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטען
ניט האָבען —
די פעלדער, די ברייטע, זיי שטעהען אין גריבער
צוגראָבען.

מיר וועלען קיין שאָף און קיין רינד אויפ'ן פעלד מעהר
ניט האָבען —
די פעלדער, זיי זיינען פארנומען מיט מתים
און ראָבען.

די בוימער, זיי שטעהען באַלאָדען מיט עפּעל
און בארען —
זיי וועלען אזוי אויף די צווייגען פארפוילען,
פארדארען.

די אינגסטע, די קרעפטיגסטע מענשען, זיי שטעהען
אין פלאַקער —
ניטאָ ווער ס'זאָל זעען און פלאַנצען און פיהרען
דעם אַקער.

די פעלדער, זיי זיינען פארנומען מיט מתים
און ראָבען —
מיר וועלען קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטען
ניט האָבען.

אַוועק איז דער טאַטע

די נאכט איז א קאַלטע, א וויסטע,
דער הימל א בלינדער ,אָהן שטערן ;
די מאַמע, זי שטעהט ביי דער שאַפע
און כליפעט מיט ביטערע טרערען.

זי זעהט דאָרט די קליידער פון טאַטען :
זיין בורנוס, זיין פוטערנע היטל ;
זיין בייענעם שפּענצער מיט וואַטע,
זיין טלית און תפילין און קיטל.

זי שטעהט און זי קוקט אויף די קליידער
און הויבט אָן נאָך שטאַרקער צו קלאָגען.
און טראַכט מיט א וועהטאָג אין הארצען:
צי וועט ער די קליידער נאָך טראָגען ?

י. אדלער

עס בליהט ניט מעהר דער בוים

אין אידישען געסעל, ניט ווייט פון דער שוהל,
א קארשען־בוים שטעהט שוין זיין יאָהרען.
און גלייך ווי דאָס געסעל איז אויך אָט דער בוים
פארעלטערט, פארהייליגט געווארען.

דער בוים האָט פיל שטורעמס שוין איבערגעלעבט:
אי האָגעל, אי דונער, אי בליצען —
און דאָך האָט געבליהט ער, און פלעגט אין דער היץ
מיט שאָטען דאָס געסעל באשיצען.

הונדערט און איין און צוואנציג

אונ האָט זיך א ווינטעל געלאשטשעט צו איהם,
געלאכט האָבען באלד זיינע צווייגען;
אונ האָט זיך דאָס ווינטעל פארגעסען אָן איהם,
דאן פלעגט ער פארטיפט זיין אין שווייגען.

נאָר אָט איז געקומען א קללה פון גאָט:
אין שטאָדט איז א חורבן געווארען;
עס האָבען אי יונגע, אי זקנים געקלאָגט
אין טאָג פונ׳ם שרעקליכען צאָרען.

ס׳איז ווינטער געוועזען. א שבת פארטאָג.
דער שונא דעם רב האָט געפאנגען.
געשלעפט פאר דער שפיציגער באָרד צו דעם בוים
אונ דאָרט אויף א צווייג אויפגעהאנגען.

געקומען דער פריהלינג. עס בליהט ניט דער בוים,
עס גרינט ניט קיין איינציגע צווייגעל;
ניטאָ מעהר קיין שאָטען, עס רוישט ניט קיין בלאַט,
עס זינגט ניט און שפּילט ניט קיין פויגעל.

וואו זיינען די בלעטער? וואס איז מיט׳ן בוים?
וואס זיינען די פויגעל געזאנגען?
עס הערט זיך א קרעכץ פון א טרוקענעם צווייג:
„אויף מיר איז דער רבי געהאנגען”.

י. אדלער

ניט וויינען וועל איך!

ניט וויינען וועל איך,
ניט בעטען, ניט קיין תפילה טאָן צו גאָט.
אויך ניט בעטלען קיין רחמנות ביי דער חיה־רעה־מענש!
בלינד זאָל ווערען מיר דאָס אויג,
וואָס וועט לאָזען נאָך א טרער;
שטום זאָל ווערען מיר דאָס מויל,
אויב נאָך בעטען וועט עס מעהר!

צו מיר אין ברוסט
האָט א שפּריץ געטאָן א הייסער טראָפּען
פון מיין ברודער'ס בלוט.
און פול געוואָרען איז דאָס הארץ ביי מיר
מיט פאר'סם'טע שפּיזען פון נקמה!
קיין רחמנות מעהר!
קללות וועל איך שיקען;
וועל איך עפענען דאָס מויל,
וועט עס שפּריצען גיפט און גאָל!
וועל איך עפענען דאָס אויג,
וועט בליצען דאָרט א הונגעריגע שלאנג;
וועט רייסען זיך א שטעכעדיגער פייל!
שילטען וועל איך! שילטען אזוי לאנג,
ביז צושפּרונגען ווערען וועט דאָס הארץ אין מיר!

דער בלוטיגער טאָג

ניט באַשיצט פון דער היץ, ניט באַשיצט פון דער קעלט.
און פאַרשפּאָט פון זיין גאָט און פאַרלאַכט פון דער וועלט —
אַזוי וואָגעלט דער וואָגלער מיט פרוי און מיט קינד,
און די נאַכט אַרום זיי — אַזוי שוואַרץ, אַזוי בלינד...

און זיין פריינד איז די נויט פון זיין פרוי און זיין קינד,
און זיין ליד איז — דאָס בילען פון קרעציגע הינד:
און זיין אויג זעהט נאָר מעסערס און שפּיזען און העק:
און זאַט ווערט זיין האַרץ מיט געוויין און מיט שרעק!

י. אדלער

אַמאָל האָט אַ נביא

אַמאָל האָט אַ נביא אַ גרויסער געקלאָגט,
זיין האַרץ האָט אַ פינסטערע קללה פאַרמאָגט
אַנטקעגען דער בלוטיגער שווערד,
וואָס זייהט אויף די פעלדער די זאָמען פון טויט
און מעהרט אַלץ אַלמנות, יתומים און נויט
און זעטיגט מיט קברים די ערד.

זיין האַרץ האָט געשטורעמט אַזוי ווי דער ים,
זיין איטליכעס וואָרט איז געוועזען אַ פלאַם,
אַ פלאַקער, אַ העלישער גלוט;
זיין מויל האָט מיט סם אויף די מענשען געשפריצט:
„ווי טייער אַ שטיקעלע ברויט עס איז איצט,
ווי ביליג איז מענשליכע בלוט!"

געדונערט האָט מעכטיג זיין שטים געגען זינד,
די לאָקען, זיי האָבען געפלאַטערט אין ווינד.
עס קלינגט נאָך אין אויער זיין ליד;
דאָס ליד, וואָס געוועזן איז אין פייער געשמידט,
און האָט ווי די זון פון דער מדבר געבריהט,
אין צער און אין צאָרען געגליהט.

מיין שוועסטער

קומט די צייט פון רעגענס, קומט די צייט פון ווינטען,
ווערט דער הימעל גרוי;
נעהם איך זיך דערמאָנען אָן מיין ליבע שוועסטער,
וויינט דאָס הארץ אזוי.

עפּעס זאָגט דאָס הארץ מיר, אז זי האָט קיין היים ניט,
אז זי וואָגעלט אום
צווישען פרעמדע מענשען, שטעדטלאך אפּגעברענטע,
ווי א שאָטען שטום.

עפּעס זאָגט דאָס הארץ מיר, אז זי איז א קראנקע,
אז זי לעבט אין נויט;
אז די הענט די דארע, אז די הענט די מידע,
בעטלען איצטער ברויט.

אז זי געהט געבויגען, זוכט מיט פייכטע אויגען,
ערגעץ־וואו א טיר;
טרעפט זי אָן דאָרט מענשען—פּונקט ווי זי אויך בעטלער,
בעטלען זיי ביי איהר.

נעהמט די שוועסטער בעטען: „גאָט, אָה, האָב רחמנות,
שיק אויף מיר דעם טויט!
זעה, עס האָבען בעטלער ביי אן אנדער בעטלער
איצט געבעטעלט ברויט!"

שטומט דער גרויער הימעל... קומט א נאכט א שווארצע,
אָהן א פּונק פון שיין;
בלאָנדזשעט זי א מידע, בלייך און אויסגעהונגערט,
שלינגט די נאכט זי איין.

י. אדלער

קריכט און טאפּט די וועגן, און פון ווייטן הערט זיך
בילענדיגע הינט —
און עס קלאָגט מיין שוועסטער, און דעם יאָמער איהרען
טראָגט אוועק דער ווינט.

הויבט עס אָן צו טאָגן, רויטעלט זיך דער הימעל
ווייט אין מזרח׳ס ראנד;
קומט זי אין א ישוב, בעט זי א נדבה,
שטרעקט זי אויס די האנד.

האָט רחמנות, מענשען—-בליפּעט שטארק מיין שוועסטער
ניט פארשליסט די טיר. —
קומען איהר אקעגען מענשען בלאס פון הונגער
און מען בעט ביי איהר.

געהט זי ווייטער ,ווייטער, ביז זי פאלט אנידער
אָנגעזאפּט מיט פּיין;
רעגען־טראָפּענס פאלען, שלינגט זי איין די טראָפּענס
ווי א גוטען וויין.

און עס זעהט די שוועסטער: אויף דער ערד אין בלאָטע,
אויף א פוילען בלאט,
ליגט א שווארצער וואָרים ,עסט דאָס פוילע בלעטעל,
עסט עס און איז זאט.

טוט מיין שוועסטער תפילה: „גרויסער גאָט אין הימעל,
הער מיין בעטען איין:
כ׳קען ניט אומגעהן בעטלען ברויט צווישען בעטלער,
כ׳וויל אַ וואָרעם זיין!

„ס׳איז צווישען ווערים נאָך ניטאָ קיין בעטלער,
שענק מיר אויך א בלאט;
ווערים אין דער בלאָטע ליידען ניט קיין הונגער,
ווערים זיינען זאט! ...

מזל ברכה אויף די פעלדער

וואו עס האָט דער טויט געטראָטען,
זיינען שפייזען היינט געראָטען:
לאַנקעס גרינען, פעלדער בליהען,
תבואות צו דער זון זיך ציהען.
תמיד גרינט עס, בליהט עס גוט,
ווען די ערד איז זאַט מיט בלוט.

ס'איז שוין לאַנגע, לאַנגע יאָהרען
ניט געווען אזוינע קאָרען:
וואונדערשעהנע, שטאָלצע זאַנגען,
שווערע קערנער, הויכע שטאַנגען,
תמיד שפּראָצען זאַנגען גוט
וואו די ערד איז זאַט מיט בלוט.

רעטשקע, האָבער, גערשטען, ווייצען,
מיט דעם מענשען'ס אויג זיך רייצען.
און די ליבע זון האָט האָלט זיי
און זי קושט מיט ליכט און גאָלד זיי.
תמיד זיינען תבואות גוט,
וואו די ערד איז זאַט מיט בלוט.

פול מיט פירות אַלע סאָרטען
איז אַ יעדער בוים אין גאָרטען;
יעדער פרי פריש און מונטער,
פון דער צווייג זי לאַכט ארונטער.
תמיד וואקסען פירות גוט
וואו די ערד איז זאַט מיט בלוט.

י. אַדלער

כ'האָב מיין שטעדטעל נישט דערקאַנט

— כ'האָב מיין שטעדטעל ניט דערקאַנט.
זייט איך בין אַוועק פון דאָרט
האָט עס דריי מאָל אָפּגעברענט.
נאָך אַן אומגליק איז געשעהן:
כ'איז אויך אַ פּאָגראָם געווען.

געה איך אום פאַרוואונדערט שטאַרק:
נישטאָ ביים שול דער קאַרשען־בוים,
נישטאָ דער ברונעם מעהר אין מאַרק.
— וואו איז ד'ער בוים? — טו איך אַ פרעג.
מען ענטפערט מיר: — „עס וויסט די זעג".

טויט דאָס שטעדטעל, טויט און שטיל;
הרוב שטעהט דעם רבינ'ס קלויז,
חרוב שטעהט די וואַסער־מיל.
און פון דוד רופא'ס הויז
סטאַרטשט אַ שוואַרצער קוימען בלויז.

און מיין מאַמע — ווייס ווי שנעע,
און די אויגען — אויסגעוויינט,
און אַ טרויער זיצט אין זיי;
קוקען אויס ווי יאָהר־צייט ליכט —
פול מיט קנייטשען דאָס געזיכט...

און מיין שוועסטער — אַלט און מאַט.
איינגעקאָרטשעט און פאַרוועלקט,
ווי אַן אָפּגעוועלקטעס בלאַט.
ווען מיר האָבען זיך דערזעהן,
אַ יום כפור איז געווען!

אין טויטען שווייגען...

כ׳זעה פאר מיר מיין היים — דאָס קליינע, פרומע שטעדטעל.
שטיל־פערוויגט איז אַלץ אין טויטען שווייגען ;
אויך די ווינטען ליגען ערגעץ טיף באַהאַלטען ;
שלאָפען רוהיג ערגעץ אין די צווייגען.

כ׳זוך ארום אַ מענשען אין די טויטע גאַסען —
ס׳זיינען וויסט די סטעזשקעס און די וועגען ;
ווייל איך פרעגען אויף דעם גרויסען, גרויסען חורבן —
איז ניטאָ ביי וועמען אָנצופרעגען.

י. אדלער

אַלע פענסטער אין דעם שטעדטעל זיינען אָפען,
אָפען — אַלע טירען, אַלע טוירען;
אַלע קינדער־וויגלאך, אַלע בעטען ליידיג;
ס'ווערט אַן אימה אין מיין הארץ געבוירען...

טרעט איך שטיל דעם הויכען שוועל פון שוהל אריבער.
קום אריין. עס שלאָגט פון אַלץ מיט אימות.
טויט און שטיל און וויסט. נאָר אין דעם מערב־ווינקעל
הערט זיך שטיל אַ שאָרך פון אַלטע שמות.

אַ פארשטויבטער שטעהט דער אַלטער אָרון קודש.
ס'איז גאָט'ס וואָרט אין שפּין־וועב איינגעשפּונען.
ביידע טירלאַך אָפען. ניטאָ דאָ קיין פּרוכת,
כ'האָב די ספרי תורות ניט געפונען.

אויף די שטענדערס ליגען די סדורים אָפען,
ס'וואַלגערט זיך דער שופר לעבען עמוד;
און דער „כיור" ביי דער טיר איז אויסגעטריקענט,
און פארלאָשען איז אויך דער נר תמיד.

טיף־פארוואונדערט קוק איך אויפ'ן גרויסען חורבן,
און דאָס הארץ, עס ציטערט אימת־מות.
כ'וואָגעל אום אליין דאָ, אין דעם מקום קדוש,
כ'דרעה זיך אום דאָ, ווי אויף קבר אָבות.

געה איך שוין צום אַלטען, אידישען בית־עולם.
שטעהט דעם אַלטען צדיק'ס אוהל אָפען.
כ'שלייך אריין. שטיל. אויף דעם צדיק'ס קבר רוהיג
האָט אַ פויגעלע געשמאַק געשלאָפען.

אַלײן

י. אדלער

אַהין, אַהין

דאָרט אהין, אין גרויען מדבר,
וואו די איינזאמקייט די שטילע
שפּרייט פאַנאַנדער איהרע פליגעל;
וואו דער טרויער און דאָס בענקען,
פון דעם דיכטערס-הארץ דער צווילינג,
טראָגט אויף זיך א שווארצען זיגעל;
דאָרט, אין יענע גרויע סטעפּעס
וואָלט איך לויפען, וואָלט איך פליהען,
ניט צו זעהן א פרעמדען פריהלינג
און זיך פרעהען מיט זיין בליהען.
דאָרט, אין יענעם ווילדען מדבר
וואו נאָר זיילען זאמד זיך טראָגען,
וואָלט איך וואָגלען, וואָלט איך וויינען
און מיין טיפען צער פארטראָגען...

תונדערט און פינף און דרייסיג

אין מדבר

רוהען וויל איך, רוהען אין דער מדבר׳ס שטומער איינזאַמקייט,
דאָרטען אין דער ווילדער-ווייטקייט זיין מיט זיך אַליין.
איינזאַם אין דעם מדבר׳ס שווײַגען, מיט מיין לעצטען בעטלער-ליד,
זאָל אין שטילען אויסגעהן, אויסגעהן אויך מיין לעצט געוויין.

לאַנג געגנוג בין איך אין שטויב געלעגען, פרעמדע פיס געקושט.
כ׳האָב ענטפּלעקט דאָס האַרץ פאַר יעדען, פאַר אַ קופּער-שטיק.
יעדעס קופּער-שטיק האָט מיט אַ שלאַנגען-צונג מיין וואונד געלעקט,
און מיט טויט געאָטעמט האָט אַ יעדער רחמים-בליק.

אין דעם ווייטען ברייטען מדבר וויל איך וואַנדערען אַליין.
ווייט פון מענשען וויל איך וואָגלען אין דעם זונען-גלות.
ווען איך דורשטען, וועט מיין גומען לעכצען נאָך אַ וואסער-טריף —
פונ׳ם האַרצען זויגען וועל איך דאַן מיין אייגען בלוט!

וועט אַ גרויע אומעט-כוואַליע מיך פאַרשלינגען אין איהר שוים,
אָדער ציהען וועט די נאַכט זיך ווי דער מדבר לאַנג,
וועל איך געהן און וואָגלען ווייטער, ווייטער אין דעם חושך־ים,
און געפינען וועל איך אין דער פינסטערניש אַ שוואַרצע שלאַנג.

און זי גלעטען וועל איך, גלעטען האַרציג מיט אַ שטיל געוויין,
און פאַר איהר דערצעהלען וועל איך אַלצדינג וואָס איך פיהל —
ווי אַ גוטע חבר׳טע — אַ טרייע שוועסטער, וועל איך זי
צו מיין האַרצען דריקען דאַן און וויינען, וויינען שטיל.

רוהען וויל איך אין דער מדבר׳ס גרויער, שטומער איינזאַמקייט.
אין דער ווילדער, וויסטער ווייטקייט זיין מיט זיך אַליין,
און אין שטיל געוויין זאָל אויסגעהן, אויסגעהן דאָרט מיין בעטלער-ליד,
מיט מיין ליד צוזאַמען זאָל איך רוהיג אויך פאַרגעהן.

י. אדלער

איך, דאָס קינד פון גאָט...

אָהן רחמנות האָט גע׳שרפה׳עט מיך די מדבר־זון,
ווען איך האָב געוואנדערט דאָרט אליין, אליין.
ס׳איז געהאנגען צווישען זאמד און הימעל שטראלען רויט,
גלייך א פייערדיגער רעגען וואָלט אויף גאָט׳ס א וואונק
פלוצלונג אין זיין פאלען בלייבען שטעהן.

כ׳בין פון דורשט געגאנגען זוכען ערגעץ וואו א קוואל
פרישע וואסער אין דעם הייסען מדבר־זאמד.
מורא׳דיג געפלאקערט האָט. און איך, א מידער גער,
כ׳זוך א שאָטען פון א גרעזעל אינ׳ם מדבר־ים.
אונטער מיינע פיס דער מדבר האָט געפלאמט.

הונדערט און זיבען און דרייסיג

אליין

זוכענדיק און וואַגלענדיק, גענומען האָט דער טאָג
לעשען זיך, און אויסגעהן אין זיין אייגען בלוט.
איך? — איך זעה, ניט ווייט פון מיר ליגט שלעפעריג און פויל
איינגעדרעהט, צונויפגעקנוילט דאָרט אין א גרויע קנויל
מיד, און שוער, א מדבר־שלאַנג און רוהט...

ס׳רוהט די שלאַנג... דער בלוטיג־רויטער פייערדיגער טאָג
אָטעמט לאנגזאם אויס זיין לעצטען, לעצטען פּראכט.
איבער הייסען אָנגעגליהטען ווילדען מדבר־ים
פאַלט א מרה־שחורה שווער — אין גרויען, שטילען צער
שפּרייט זיך אויס א ווייטע און א טיפע נאכט.

לאנגזאם נעמט באוועגען זיך די שלעפעריגע שלאַנג;
פּויזען נעמט זי, פּויזען עפּעס אין געהיים.
און איך, עלענדער, באַגלייט דאָס מדבר־קינד און זעה:
ס׳שלייכט די שלאַנג אריין צו זיך אין שטילען זאמדען־נעסט,
רוהען געהט זי, רוהען אין איהר א י י ג ע ן היים.

און איך, דאָס קינד פון גאָט, איך בלייב אַליין...
דער מדבר שווייגט... איך פרעג ביי גאָט: וואו איז מיין היים?
וואו איז א היים, א שטילע היים, פאַר מיר? פאַר מיר?
דער מדבר שווייגט, די וויסטעניש איז שטילער נאָך ווי פריהער.
און וועה, ווען ס׳ווערט דאָס עכאָ פון דיין אייגען קול
אַן ענטפער דיר...

י. אַדלער

אַליין, מיט מיין געוויין...

גיט מיר אַ מדבר אַ ווייטען.
אַ מדבר אַ ברייטען,
איבער וועלכען ס'זאָל ברענען און גליהען
נאָטס זון;
גיט מיר אַ גרויסע, אַ ווילדע סטעפּ
אָהן קלאַנגען פון לעבען;
דאָרט וועל איך וויינען, וויינען;

הונדערט און ניין און דרייסיג

אליין

דאָרט וועל איך זיין אליין, אליין מיט מיין געוויין;
דאָרט וועל איך קיינעם נישט באַגעגנען —
נישט די אויגען פון מיין מאַמען,
נישט דעם טרויער פון איהרע אויגען.
נישט די פיין פון איהר קראַנק הארץ —
דאָס הארץ, וואָס ווערט צוריסען אין שטיקער
ווי אַ יונגע טויב אַ ווייסע, אַ ריינע.
דאָרט וועל איך אויך נישט באַגעגנען
מיין שונא, וואס אין זיינע אויגען גליט אַ בייז פייער...
איך וועל דאָרט, אין דער מדבר, אויך נישט באַגעגענען דעם
שאַרף־שטעכעדיגען בליק פון דער גרויזאַמער זאָרג...
דער בליק פון דער קליינליכער זאָרג איז שאַרפער נאָך
ווי דער שאַרף פון אַ חלף...
גיט מיר אַ שטילען מדבר, וואס די שטילקייט זאָל
נישט געשטערט ווערען פון פויגעל־געזאַנג;
וואו די ערד האָט נאָך קיין מאָל נישט אָנגעזעהן
קיין קוויטען, וואו די זון האָט נאָך קיין מאָל
קיין גרעזעל פון דער ערד ארויסגערופען...
גיט מיר אַזאַ מדבר, וואו זיילען פון ברענענדיגען
זאַמד רייסען זיך צו גאָט ארויף;
וואָס טראָגען זיך צום הימעל אין אַ ווילדען טאַנץ.
גיט מיר אַזאַ וויסטעניש, און איך
וועל איינגורען מיין פנים אינ'ם זאַמד
און לאָזען דאָרט מיינע טרערען פאַלען.
טרערען, וואָס זיינען געבוירען אין דעם קדשי קדשים
פון מיין הארץ.
איך וועל נאָס מאַכען דעם מדבר מיט מיינע טרערען,
ביז זיי וועט ווערען מיר דעם סם־המות
פון מיין צופייניגטער נשמה.
דורשטיג איז די וועסטעניש נאָך ליידען;
נאָך טרערען לעכצט דאָס פייערדיגע זאַמד.

פרעמדע מאָטיוועז

י. אדלער

קלעאָפּאַטראַ

דער טונקעל־נעבעלדיגער בוזים פון דעם שלעפעריגען ניל
באוועגט זיך שווער און ווערט צוקארבט פון וועסלעס פיל.
און ס'וויספערן פון וואסער קוים דערגרייכט דעם ברעג
און קלעאָפּאַטראַ'ס שיפעל שניידט פאר זיך א וועג.

ס'ווערט דער שטילער ניל פארקלונגען מיט אָריענטאלישע מוזיק,
מיט אקאָרדען הארציגע, פול מיט פרייד און גליק,
און טראָגען זיך צום גרינעם ברעג, און פאר יעדען פאלמען־בוים
דערצעהלען זיי א מעשה'לע און רוימען איין א טרוים.

און פאמעלאך געהט דאָס שיפעל אָהן דעם מינדסטען אייל,
און גב'עט אָפּ פון נילוס־וואסער מייל נאָך מייל.
און דאָס שיפעל לאָזט נאָך זיך א שוימיג ווייסען וועג,
און ס'וויגען זיך די לאָטאָס־בלומען אויף דעם ברעג.

און געשמאקע ליבע ריחות, אויסגעמישט מיט תאוה־פרייד,
ווערען אין די וייטסטע וויטקייט אויסגעשפרייט.
און דאָס שיפעל, קלעאָפּאַטראַ'ס, גליטשט זיך ווייך און שטיל
אויפ'ן נעבעלדיגען בוזים פונ'ם שלעפעריגען ניל.

נאכט...
קלעאָפּאַטראַ'ס שווארצע אויגען, פול מיט תאוה'דיגע פלאמען,
וואָס צינדען הערצער, צינדען, לעשען און פאר'סמ'ען,
לייכטען איצט און שיינען ווי דעם אבענדס יונגע שטערען
און זיי דרינגען דורך די וויטקייט צו די העכסטע ספערען,
און דערגעהן ווילען זיי דעם טיפען סוד, דעם שווארצען,
וואָס עס נאָגט איהר רעיון און עס סמ'ט איהר הארצען;
יענעם סוד, פון שאנד און שפּאָט, וואָס טויזענדער געטריבען האָט
צום טויט, צו מאָרד און אונטערגאנג — — —
און קלעאָפּאַטראַ זיפצט... עס זיפצט די קעניגליכע שלאנג!

הונדערט און דריי און פערציג

אָ, קעניגין! וואָס פאַר אַ בייזער, מורא׳דיגער געדאַנק
האָט זיין נעסט ביי דיר דאָס גאַנצע לעבען לאַנג!
וואָס פאַר א גיהנום׳דיגע, ווילד־גליהענדיגע לוסט
זידט און כוואַליעט אין דיין תאווה׳דיגער ברוסט!
עס זעהט דער טונקעל־בלויער הימעל און די שטילע נאַכט
ווי דו ווערסט פון פייער־הייסע ליפּען אויסגעקושט,
און ס׳ווערט אַ בליהענדיגעס לאַנד צו שאַנד געמאַכט!
אָ, קעניגין! עס האָט די וועלט אַ צווייטע ניט ווי דו:
ווי פינסטערע הייל׳ען זיינען דיינע אויגען שוואַרץ;
און יעדער בליץ, און יעדער שטראַל וואָס טאַנצט פון זיי אַרויס,
איז אַ שאַרפע בלאַנקע פייל אין יעדען מענער־האַרץ.
אין דעם ים׳ס ווילדע וועלען, וואָס ווערען אין שטיקער צופלויגען,
איז ניט באַהאַלטען אַזאַ גרויזאַמקייט ווי אין דיינע אויגען!
אָ, קעניגין! די בייזע געטער פון מלחמה אין דעם וויטען דרום
רעגען זיך און וועקען זיך פון זייער שלאָף!

דאָס מאַיעסטעטישע רוים פון באַרג און טייך און ברעגען
זעהט שוין איהרע בעסטע זיהן ערהויבען זיך דאַגעגען
דיר — זייער שונא!
דאָס קעניגליכע רוים וועט זעהן דאָס בלוט פון איהרע זיהן זיך גיסען
אויף די אַלטאַרען פון מלחמה, און דו וועסט פיבעריש
דעם כוס פון ליבע טרינקען און געניסען — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
קעניגין! זאָלען צעהן טויזענד מאַן, געטרייע אונטערטאַנען,
פאַרגעהן אין פינסטערען אַבגרונד, דעם קאַלטען,
צוליב איין מאַן, וואָס האָט ע ה ר ע טייערער.
פון ל י ב ע געהאַלטען?
אָ, דו שרעקליכע! דו בייזע, דו מורא׳דיגע שלאַנג;
דו טרייבסט דיין פאָלק צו מאָרד, צו טויט און אונטערגאַנג!
קלעאָפּאַטראַ!
שעפּטשען פון הימעל צו דיר ניט די בלויליכע שטערען

מיט אַ קאַלטען ציטער; אום צו מאַכען דיך שוידערען און הערען
דאָס טויט־פינסטערע יאָמער־ליד פון בלוט און מלחמה,
דאָ, אויף דעם ניל'ס שווערע און טונקעל־שטיפענדיגע וועלען?
זאָל די קונסטפאָלע ארבייט, וואָס האָט דאָס גרויסע רוים ערהויבען
דער געהיימער קבר פון אונז רויבען?
זאָל די קונסטפאָלע ארבייט, וואָס האָט דאָס גרויסע רוים דערהויבען
פארשלונגען ווערען אין דעם נוצלאָזען שווארצען תהום?
איז דען דער הייסער קוש וואָס הענגט אויף דיינע ליפּען,
און דאָס ליבליכע מורמלען וואָס אַ נ ט אָ נ י אָ האָט געהערט פון דיר
און דאָס תאוה'דיגע שיפּען, —
טייערער ווי דעם מענשענ'ס לעבען, ווי דעם מענשענ'ס ברויט?
אָ, קלעאָפּאטרא!
ניט מאַך דיין לאַנד, דעם ים, פאַר די פעלדער פון טויט!
די וואונדערליכע ארבייט פון דעם וויטען דרום האָט ערוואַכט;
אין די שוואכסטע הערצער וועקט זיך מיט אַ בייזער מאַכט
אַ ווילדע לוסט, צו געהן אין שלאַכט!
און ס'הערט זיך פון כלי־זין שוין דער טויטען־קלאַנג,
און עס ציהען זיך לעגיאָנען, באַגריסענדיג די זון
מיט יובעל און געזאַנג!
עס איז אַוועק די נאַכט...

— — — — — — — — — — —

און די מזרח'דיגע הימלען אין די וויטקייט דרימלען,
און באַגיסען באַרג און טהאָל מיט גאָלד און פּראַכט.
און קלעאָפּאַטרא — לאַכט...
און דער טונקעל־שווערער בוזים פון דעם שלעפעריגען ניל,
באַוועגט זיך קוים...
און קלעאָפּאַטרא איז פארזונקען אין אַ זיסען טרוים...
און פון דעם ברעג די לאָטאָס־בלומען שעפּטשען שטיל:
אָ קלעאָפּאַטרא!...

— — — — — — — — — — —

פרעמדע מאָטיוון

צוויי געזאַנגען

זי: —
... אין דער מיט פון טויזענד בלומען בין איך איינזאַם;
און צעווישען טויזענד פלאַנצען בין איך דאָך אַליין.
דאָס געזאַנג פון וואונדער־פויגעל קוויקט מיך ניט;
זייער שטים פאַר מיר איז ווי דער אָטעם פון אַ נאַכט־ווינד;
ווי דער אָטעם פון אַ נאַכט־ווינד, באַריהרענדיג אַ פאַלמען־בוים.
ווי דער זיפצען פון דער נאַכט, ווען עס וועקט דער שלאָף פון איהר.

אָ, גאָט! ניט פון הויכע בערג קומט אַ טרייסט צו מיר;
ניט אין הימלען זעה איך דאָס געשטאַלט פון איהר.
באַהאַלטען האָט זי איהרע אויגען אין דעם נעפעל,
וואָס די טרערען מיינע האָבען אויסגעשפּרייט;
אין דעם אָטעם פון מיין זיפצען איז געוועזען איהר געבורט.
הער מיך צו, מיין שוועסטער, ט ר י י ס ט, און פאַרלאָז מיך ניט.

מיין האַרץ איז ווי דאָס האַרץ פון אַ טרייער מוטער,
וואָס האָט אַ קינד געהאַט און עס איז געשטאָרבען;
ווי דער גייסט פון א י י נ ע ר, וועמעס האָפען איז געוועזען אומזיסט.
שוועסטער מיינע! איך בין הילפלאָז ביז צום אויסגעהן!
שפּרייט אויס צו מיר די ווייסע אָרעמס דיינע און
באַלעב מיך מיט דעם ליכט פון דיינע אויגען;
דערפרעה מיך מיט דער מוזיק פון דיין שטימע;
זעטיג מיך מיט דעם שמייכעל פון דיין נשמה.

אָבגעשיידט פון מיין געליבטען בין איך דאָ אַליין.
און פאַר'יאוש'ט איז מיין האַרץ לעכצענדיג נאָך ליבע.
און טרויערען נאָך דער ליבע וועל איך ביז מיין לעצטען אָטעם־צוג.
קום־זשע שנעל צו מיר, געליבטער מיינער, אייל זיך צו;

זאָל די לבנה־שיין אויף די צעדערן ניט פאַרפיהרען דיך ;
זאָל דיין נשמה זיך ניט פּלאָנטערן אין דער נעץ
פון איהר זילבערנעם אָבגלאַנץ.
מיט מיינע יונגע, ווייסע הענד וועל איך פאַר דיר
אַ שעהנערע נעץ, אַ פּרעכטיגערע נעץ אויספלעכטען !

מיט דעם שאָטען פון מיינע שווארצע האָר־לאָקען
וועל איך פאַר דיר דעם מיט־נאַכט הימעל פאַרשעמען ;
מיט דער פּעטליע פון מיינע שווארצע האָהר
וועל איך דיך בינדען צו מיר... און זיין זאָלסטו אין זייער נעץ
ווי אַ ווינטער־לבנה הינטער אַ געוועב פון צווייגען.
ליבסטער ! קעהר זיך ניט אָפּ פון ד ע ר , וואָס ליבט דיך
און וויל רוהען מיט דיר אויף די פרישע, ווילדע גראָזען ;
פון די בעטענדע אויגען מיינע — קעהר זיך ניט אוועק.

אַך, ווער איז שעהנער, ווער איז ליבער פון מיין ליבסטען,
און ווער איז הערליכער פון דער זון אין מיטאָג־צייט ?
אין די שטילקייט פון די אויגען זיינע ליגען מעהרער סודות,
ווי אין פּרעפּלען פון אַן עדה מענשען בשעת זיי לויבען גאָט.
דאָך... דער בליק פון זיינע שטילע אויגען מאַכט מיך ציטערן ;
איך בויג זיך ווי אַ פּאַלמען־צווייג אונטער זייער בליק ;
ווי אַ פּאַלמען־צווייג, אין די מעכטיגע, דאָך צאַרטע הענד
פון אַ זומערדיגען שטורעם.
ער האָט מיך געבונדען צו זיך מיט די קייטען פון זיינע קושען ;
מיט דער התימה פון ליבע — פאַרזיגעלט מיינע ליפּען.
איך בין זיינע, זיינע אויף אייביג, אויף אייביג !
ליבסטער, זעה ! איך האָב מיין קאָפּ מיט רובינען באַצירט ;
ווי מיט פאַרפראָרענע בלוט־טראָפּען מיין קאָפּ באַקרוינט ;
און אַזעלכע עדעלשטיינער פאַרמאָגט מיין הארץ אַ סך פאַר דיר.
אייל זיך צו, נשמה מיינע, אייל זיך צו !

פרעמדע מאָטיוועו

איל זיך צו, און ברענג פאַר מיר די גרויסע ט ר י י ס ט.
פון מ י י נ ע העכסטע אוצרות ביזטו דער באַזיצער;
דו באַזיצסט די פרייד און דעם סצעפּטער פון מיין ליבע.

ליבסטער! בין איך ניט שעהן גענוג וואָס דו האָסט מיך פאַרלאָזען?
זעה ווי שלאַנק איך בין! ווי אַ רוהיגע, אַ פרידליכע סטאַטוע;
שעהנער ווי אַ שטראַל אויף האַלב־געעפענטע ווייסע רויזען;
טיפער ווי די אבענד־הימלען זיינען מיינע אויגען;
אין דעם ליכט פון זייער ליבע בלייבט די הערליכקייט פאַרשעמט;
דו אליין, דו אליין, האָסט פאַרגליכען מיין שטים צו דער מוזיק
פון זומער־רעגען טראָפּען פאַלענדיג אויף רויזען־בלעטער;
ד ו אליין, ד ו אליין, האָסט ארויסגערופען מיט דיינע זיסע קושען
מיין הארצענס־בלוט צו מיינע דורשטיגע ליפּען —
דאַרפסטו דאָך צופרידען זיין מיט ז י י ע ר שאַרלאַך־רויטקייט!

איל זיך צו און קום אהער!
מיט דעם פיינסטען רויזען־דופט וועל איך מיך ערנעהרען.
זאָל מיין אָטעם זיסער זיין פון דעם זיסטען וויין.
און פון רויזען־בעכערס טרינקען וועל איך פרישען טהוי;
און אויף בלעטער פון יאַשמינען — מאַכען זיך מיין בעט;
און ביי קיהלע וואַסער־קוואַלען וואַשען מיינע האָהר.
ליליען ווייסע, ליליען ריינע וועלען מיינע קליידער זיין.
און פון ווייסע ליליען־בלעטער פלעכטען מיר אַ קרוין.
איל זיך צו, געליבטער מיינער, איל זיך צו!
אויב ניט — וועט מען מיך געפינען אין אַ וויסטע ערגעץ ווייט.
ניט קיין קרוין פון ליליען־בלעטער טראָגען וועט מיין קאָפּ,
נאָר אַ לויה־קראַנץ וועט וועלקען אויף דעם קאָפּ פון ד ע ר,
וועלכע האָט אַזוי שטאַרק, אַזוי הייס געליבט!

* * *

ער: —

מיין גאָט! איך הער די שטים פון מיין געליבטער,
צו וועמען מיין נשמה טוט תפילה יעדען אבענד,
ווען דער טומעל אויף די פעלדער שטילט זיך איין.
איך הער די שטים רופענדיג צו מיר פון די בערג;
פון יענע ווינדיגע ערטער, וואו דער אָדלער זינגט זיין ליד.
פון י ע נ ע ערטער קלינגט איהר שטים מיט ווערטער פון ליבע.
אָ, ווי שטיל עס בלאָנדזשעט איהר שטים צו מיר;
נאָך ש ט י ל ע ר ווי דאָס דורכ'גנב'ענען זיך פון א טייכעל
דורך דער נאכט.

און דאָך, איז יעדער חדר'ל פון מיין האַרץ אָנגעפילט מיט'ן קלאנג,
ווי א גאָלדענער בעכער מיט פרישען, זיסען וויין;
נאָך זיסער פון דעם האָניג וואָס איז געזויגען פון א רויז
וואָס האָט גערוהט אויף א ברוסט פון א יונגער מיידעל;
און זאנפטער נאָך, ווי די טענער פון א הונדערט הארפען
אין די אויערען פון ד י, וואָס זיינען האלב־פארשלאָפען.

איך זעה, איך זעה ווי מיין געליבטע קומט, באטראכט:
ווי א זומער־רעגען דורך ווייטען, ווייטען זונען־ליכט.
געפלאָכטען איז איהר שלייער פון לבנה־שטראלען,
וואָס העפטען די ערד מיט דעם הימעל צוזאמען.
זילבער־פעדים שפּילען זיך מיט איהרע האָהר.
די פוס־טריט איהרע זיינען אנגענעהם דער ערד;
צו באגריסען איהר קומען, וואכט דער פריהלינג אויף;
דאָס רויטקייט פון דעם מזרח שפּילט אויף איהרע באַקען;
אין דאָס ליכט פון איהרע אויגען באָדט זיך אויס די זון;
פון דעם זיסען שמייכעל איהרען, בליהען רויזען אויף.

זי קומט, זי קומט, מיין טייערע, זי קומט! באטראכט:
איינגעפלאָכטען רויטע סאמעט־בלומען האָט זי אין די לאָקען איהרע.
זיי קוקען אויס ווי איינגעטונקט אין מיין הארצענס בלוט;

פרעמדע מאָטיוועו

ווי יונגע זונען־פּעדים אויף אַ וואָלקען זיינען איהרע האָר.
ווי אַ פעלד מיט ווייאָלעט־בלומען, איז בליהענד איהר געשטאַלט.
ווי אַ יונגער בלומען־ווינטעל איז איהר אָטעם זיס.
מעהר געשמאַקער ווי דער ים־גערוך אין אַ הייסען זומער־טאָג.
איהרע אויגען־דעקלאַך זיינען ברייט און צאַרט,
ווי רויזען־בלעטלאַך, וואָס הענגען אַרונטער צו דער ערד;
איהרע אויגען אונטער זיי, זיינען ווי העלע שטערען,
וואָס גנב'ענען זיך פּאַר־וויז אַריין אין די טיפקייט
פון אַ זומער־הימעל.

זי איז רייצענד און שעהנער פון אַ ל ע מענשען־טעכטער!
די מלאכים קוקען מיט קנאה־בליקען פון הימעל אַראָפּ
און ווילען לעבען אויף דער ערד בלויז צוליב איהר.
די געטער־קינדער וואָלטען זי מיט זייער ליבע באַגליקט.
מיט שנעע־ווייסע רויזען איהר שטערען באַקראַנצט;
מיט רויזען, וואָס בליהען נאָר אין זילבערנעם לבנה־שיין.

הער זיך צו, מיין געליבטע, הער זיך צו, וועמען מיין נשמה ליבט:
דערנעהנטער זיך צו מיר און נידער דיין קאָפּ אויף מיין ברוסט,
ווי אַ בלום אויף דער זאַנפטער ברוסט פון דער נאַכט.
זאָל דער גערוך פון דיינע שווארצע לאָקען מיך דערקוויקען;
מאַך מיך שכור מיט דער ווייכקייט פון דיין אָטעם;
זיי אין מיינע הענד ווי דער ים איז אין דעם בעקען פון דער ערד;
לעהן זיך אָן אויף מיר ווי די זון אויף אַ פעלד פון מאָן־בלומען;
לאָז מיך זיין ווי אַ סאָסנע־בוים, וואָס בויגט זיין שטאָלצען קאָפּ,
אום צוטראָגען די גאָלדענע קרוין פון דער מיטאָג־זון.
הער זיך צו, געליבטע מיינע, הער זיך צו:
באַצווינג מיך, באַצווינג מיך מיט דיינע גליהענדע קושען;
זאָלען די אויגען מיינע שווער ווערען ווי די פויגעל,
ווען זייערע פליגעל ווערען מיד און ווילען רוהען...
בינד מיך צו זיך מיט דיינע ווייסע אָרעמס,

תונדערט און פופציג

ווי מיט בענדער פון זילבער;
ווער באהעפט צו מיר מיט דיינע לאָקען, ווי מיט ראָבען־פליגעל;
זיי איבער מיר ווי די לבנה אין א נאכט אויף איינזאמע מדבריות;
אזוי ווי א לבנה, ווען אלעס שלאָפט, און נאָר דער ים
וואכט מיט זיין ליבע צו איהר...
אָ, ווי וואָלט איך וועלען רוהען אויף דיין צארטער ברוסט,
ווי די יונגע לבנה, אין א זומער־נאכט, אויפ׳ן ים!
וואָלסט מיך איינגעוויגט מיט דיין אָטעם, טרייער נאָך,
ווי די כוואליעס וויגען איין אן אָפגעפליקטע וואסער־בלום.

קלאמער מיך ארום, טייערע, מיט דיינע ווייסע אָרעמס,
ווי דער גארטעל פון די שטערען־ליכט נעהמט ארום די ערד.
בויג זיך אָן, און לאָז די ליפּען דיינע רוהען אויף מיין מויל,
ווי עס רוהען מילגרוים־בלעטער איינע אויף די צווייטע.

ליבסטע!
איך ליב דיך מיט א ליבע וואָס איז העכער פון אלע געזאנגען!
פונקט ווי די זון, ווען זי שיינט איבער שאַרלאַך־רויטע רויזען,
אזוי שעהן איז מיין ליבע, וואָס איז העכער פון אלע ווערטער.
ניטאָ אויף דער וועלט קיין שום זאָך,
צו וואָס איך זאָל זי קענען פארגלייכען;
ווייל זי איז טיפער פון די טיפסטע ערטער פונ׳ם טיפסטען ים!
דער הימעל איז ניט אזוי הויך ווי די ליבע, וואס איך טראָג צו דיר.
וואָלסטו וועניגער העכליך געווען—
וואָלסטו אין איהר גליהענדען פייער
פארוועלקט ווי א בלום אין דער הייסער יולי־זון.

דו אָבער ביזט ווי א פאלמען־בוים אין דער מדבר:
דאָס גרויסע ליכט פון דער זון ערנעהרט דיך.
קעהר זיך אום צו מיר, מיין ליכטיגע, מיין אָדלער.
ווי אן אָדלער ערהויב זיך פון דער וויסטע צו דאָס הארץ
פון דער זון.

פרעמדע מאָטיוועז

דו ביזט אַליין ווי אַ פייער, און דערפאַר וועט דיך דאָס פייער
פון דער פלאַמענדיגער זון ניט באַריהרען !

אָ, זיי צו מיר אויף א י י נ מ אָ ל אַזוי ווי א ל ע , אַלע ליבעס
פון דער גאַנצער וועלט, צו א ל ע , א ל ע מענשען,
זייט דער שעה פון זייער געבאָרען.
אָ, נוצלאָז זיינען די ווערטער צו באַזינגען דיין שעהנקייט
און די ליבע, וואָס מיין האַרץ האָט געזאַמעלט פאַר דיר !
נאָך נוצלאָזער, ווי פאַר אַ בלינד־געבאָרענעם
צו באַזינגען די בלויקייט פון די הימלען.

י. אדלער

אפאלא

אָ, הער אונז פעבוס אפּאָלאָ, וואָס ביזט פון דיין גרויסקייט
פארשניטען געוואָרען,
פארשעמט און פארלאכט פון א וועלט וואס איז זינדיג געווארען
זינט דער פייער פון דיינע אלטארען איז פארלאָשען געוואָרען.
אָ, הער אונז, דו גרויסער אפּאָלאָ!
קום ארונטער, אזוי ווי דו ביזט געקומען צו אונז אין אמאָליגע צייטען,
און פארטרייב די פינסטערניש און צווייפעל,
צו אונזער אייביגער שאנדע געבאָרען!
עס זיינען בייזע, ווילד־פרעמדע געטער געקומען,
געטער פון ליידענשאפט, פון זינד און פון פאלשקייט;
אין אונזערע שטעדט זיינען זיי געקרוינט געוואָרען
און אונזערע זיהן בלוטיגען אויף זייערע מזבחות!
דער רויך פון זייערע שטענדיגע מלחמות האָט בלינד געמאכט
די אויגען פון דיינע קינדער.
גרויסער אפּאָלאָ! אונזערע הערצער לעכצען נאָך א גאָט,
וואָס זאָל אונז ניט ענטפערען מיט ליגען!
אונזער צער איז ווי דער פלאם, וואָס האָט ניט אויפגעפלאמט
ווי די ליידען פון דיין מוטער לאטאָנא —
הער אונז, פעבוס אפּאָלאָ, און קום צו דיין הערשאפט צוריק!

אונזערע אויגען אויף דער ערד זיינען שלעפעריג געוואָרען;
זייט הונדערטער יאָהרען פון דורות ציהט דורך אונזער דורשטיגעם
פארלאנגען;
דאָס בילד פון דיין געבורט ווערט אונז קלאָר און באגרייפליך,
ווען אריבער דעם ים און גראָ־גאָלדענעם פריהמאָרגען
טראָגט זיך דאָס געשריי פון די פליהענדע שוואנען,
באגריסענדיג מיט יובעל דעם ניי־געבאָרענעם טאָג.

הונדערט און דריי און פופציג

מיר הערען אויך דעם קריגס־געשריי פון דעם שרעקליכען מאָנסטער פיטהאָן *)
דעם סווישטש פון דיין פייל, וואָס דרינגט מיט קראַפט
אין מאָנסטער׳ס האַרץ, געציעלט פון אַ זיכערען בויגען.
און דורך דעם לויף פון דער צייט קלינגט א צויבער־מוזיק —
דאָס ליד פון מאַרשירענדע מוזען, וואָס קרייזלען מיט פינגער
די סטרונעס פון האַרפען.
אָבער דאָס זיינען נאָר אונזערע חלומות;
מיר וואַרטען אויף אַ שטאַרקערע סטרונע —
הער אונז, פעבוס אַפּאָלאָ, און קום צו דיין הערשאַפט צוריק!

אָ, הייליגער! צווישען אונז זיינען דאָ אַ סך, וואָס ווייסען ניט
ד י י ן וועג און ד י י ן ווילען;
מאַנכע פון דיינע העלדען־קינדער בוקען זיך נאָך צו פרעמדע געטער;
מאַנכע טרוימען פון הערשאַפט און מאַנכע טרוימען פון גאָלד;
וועמעס אויערען זיינען טויב צו ד ע ר מוזיק, וואָס האָט דערפרעהט
די אַמאָליגע וועלט.
אָבער מיר, די ווענ׳גע און איבערגעבענע, זיינען שוין מיעד, מיעד,
פון די אונגערעכטע מלחמות!
פון די טויזענדער געטער איז אונז קיין א י י ן גאָט ניט געבליבען
וואָס מיר זאָלען ליבען, גלויבען אָדער טרויען;
אין אונזערע געריכטס־הייזער ווערט דער יושר אויסגעלאַכט,
אין אונזערע סנהדרין האָט דאָס גאָלד די אויבערמאַכט,
און די מעשים פון די פריסטער און פרעדיגער
לאַכען ז י י ע ר ע אייגענע ווערטער אויס.
קעניגע און קאַרדינאַלען, פּאַסען ניט מעהר צו זיין אונזערע רעגירער:
הער אונז, אַפּאָלאָ, און קום צו דיין הערשאַפט צוריק!

מיר האָבען אויסגעהערט און אויסגעפּרובט פאַרשידענע גלויבענס,
און דער גלויבען פון ד י י ן דעלפי־טעמפעל איז נאָך אַלץ
דער בעסטער און הייליגסטער!

---

*) אַזאַ ים־שלאַנג.

דיינע טויזענדער קלאָר־לייביגע, מונטערע, איבערגעבענע אָנהענגער,
די שלאַנקע, די שטאַרקע, די יונגע;
דער גלאַנץ און דאָס שעהנקייט פון זייערע פּראָצעסיאָנען,
דער וואונדערליכער קלאַנג פון זייערע הייליגע לידער,
און דיין אייגענע מאַיעסטעטישע פיגור אין דעם פלאַמענדען
רייט־וואָגען, געפיהרט פון דיינע לייב־אדלער געשטאַלטען,
וואָס שטעלען פאָר מיט זיך דעם דונקעלען מאָרגען־געבורט;
די צויבער־מוזיק צו הערען און די פּראָצעסיאָנען צו זעהן,
דאָס זיינען די זאכען, אָ, גרויסער אַפּאָלאָ, וואָס מיר
דורשטען און גארען צו זעהן און צו הערען
כאָטש איינמאָל אין יאָהר!
ווייל, אַקעגען דיין ריינעם אונבאַפלעקטען גלויבען, זיינען
אַלע אַנדערע גלויבענס פאַרוועלקט און אָפּגעלעבט.
הער אונז, פעבוס אַפּאָלאָ, און קום צו דיין הערשאַפט צוריק!

אָ, הערשער פון זון־שיין, געלעכטער, עהרע, צוטרוי און אמת;
גאָט פון יעדער באַגייסטערונג און קעניג פון שטראַלענדער יוגענד;
וועמענס ווערטער זיינען פּאַסענד פאַר מוזיק
ווי פּעריל געפאַסט אין גאָלד —
מיר לעכצען צו דיר און ווילען דיך דינען;
און צו דינען דיך איז דאָ א הייסער פאַרלאַנג
אין דער וועלט פון יאוש און צווייפעל.
די מזבחות פון די איצטיגע געטער זיינען אלט און פאַרשימעלט;
צופוילט זיינען די זיילען אויף וועלכע זיי האַלטען זיך;
און ביי ד י מזבחות קניען מיר געגען אונזער ווילען:
דער שאַנד־פלעק פון דער חיה רוהט אויף אונז,
מיר פויזען, זוכען און בלאָנדזשען!
וואך אויף, וואך אויף, גרויסער גאָט פון זון־שיין און לעבען!
די צייט איז געקומען פאַר דיין אויפשטאַנד!
די שטערען פון דער נאַכט און פון בייזקייט שווינדען שוין פון
די נאַכט־הימלען —
הער אונז, פעבוס אַפּאָלאָ, און קום צו דיין הערשאַפט צוריק!

צווישען גרויע ווענט

י. אדלער

דער פויגעל אין וועלדעל

דער פויגעל אין וועלדעל זאָל האָבען אַ מייסטער
און קריגען פאַר לידער בעלוינט נור מיט שלעכטס,
וואָלט אויב'עט זיין לידעל מיט אומעט געקלונגען,
און שטענדיג ווי איך נור געזיפצט און געקרעכצט.

און וואָלט ער ווי איך נור געווען אַ פאַרשפּאַרטער,
און ס'וואָלט איהם געזונד און פּרנסה געפעהלט,
דאַן וואָלט ער אין וועלדעל אַ קללה באַשאַפען
און וואָלט מיר געהאָלפען פאַרשילטען די וועלט...

הונדערט און ניין און פופציג

זיפּצען...

זיפּצט דער מידער שקלאַף,
און די טרערען פאַלען:
„גראָהט שוין אויף פאַר מיר א טאָג,
איז ער ערשט אָהן שטראַלען.

„קומט שוין אָן פאַר מיר די נאַכט —
גיסט דער שקלאַף מיט טרערען —
„איז זי קאַלט און וויסט און שוואַרץ;
אָהן א שיין פון שטערען.

„טהוט א וואונד, א פרישע וואונד
צו מיין הארצען קומען;
איז דאָס הארץ מיט וואונדען פיל —
לאַנג, שוין לאַנג פאַרנומען.

„טהוט א קנייטש, א נייער קנייטש,
אויף מיין שטערען קומען;
האָט דער שטערען מעהר קיין פּלאַץ,
איז דער פּלאַץ פאַרנומען.

י. אדלער

דו זעהסט?

דו זעהסט, מיין קינד, אויף יענער האנד
א גין־גאָלד רינג מיט א בריליאַנט,
וואָס בליצט און שימערט העל, א פּראַכט,
ווי שטערען אין א ווינטער נאַכט?

מיינסט אודאי, ס'איז א שטראַל
וואָס שפּילט זיך אויף א וואַסער־פאַל?
אָ, ניין! דאָס איז ניט קיין בריליאַנט,
דאָס איז א יונגע מיידעלס שאַנד;
איהר לעצטע אויסגעוויינטע טרער!
ווינסט?... וויינען האָט קיין ברעקעל זין!
קוק בעסער דאָרט, אָט דאָרט אהין —
דו זעהסט אויף יענער פרויען־ברוסט
א שנור מיט פּערעל — אויסגעקוסט
פון ווייסען שוים אין בלויען ים?
דו מיינסט, דאָס זיינען פּערעל סתם?
דאָס זיינען טרערען — קיין זאַך מעהר;
א יעדער פּערעל איז א טרער!

און איצט מיין קינד, וויש אויס דיין טרער
און ווייטער קוק און וויין ניט מעהר;
פון טרערען זאָל ניט זיין קיין שפּור!
דו זעהסט דאָרט א קאָרעלען־שנור?

די מיינכט זיי קומען אויך פון ים?
דאָס זיינען רויטע פּערעל סתם,
וואָס האָבען ווען אין ים גערוהט?
אָ, קינד! דאָס זיינען טראָפּענס בלוט!

דער דיכטער

עס האָבען אַ נאַכט־לאַנג די הימלען געשנעעט,
מיט בלאַס־ווייסע ליליען געשאָטען;
און ווייס איז דער דרויסען... די אוצרות פון ליליען
נאָך זיינען פון קיינעם צוטראָטען.

אַט וואָגעלט ארוים פון אַ זייטיגער געסעל
אַן עלענדער דיכטער, אַ יונגער;
נעקאָרטשעט אין דרייען און הויכט אין די פויסטען —
אַ מזיק צו קעמפּען מיט הונגער!

עס וואָגעלט דער עלענד־ער דיכטער, און ציטערט,
אַ נפש פון הויט נאָר און ביינער;
קיין היים, און קיין עסען; קיין וואַרימען מלבוש,
עס קלאַפּען אַ לידעל די ציינער...

זיי קלאַפּען אַ לידעל פון דחקות און עלענד,
עס פרירט אונזער דיכטער... דער זינגער;
ער וואָלט דאָס באַשריבען... פאַרקויפט אין אַ ציימונג.
נאָר ס'זיינען פאַרשטאַרט זיינע פינגער...

י. אדלער

בלימלאך און מיידלאך

די בלימלאך וואָס וויאַנען ביי שטויביגע וועגען,
זיי בעטען ביים בורא א זון און א רעגען;
זיי לעכצען נאָך זונשיין, זיי דורשטען נאָך טוי —
די בלימלאך זיי זיינען פון בעטען שוין גרוי.

די מיידלאך וואָס וועלקען אין ענגע פאַבריקען.
זיי טרוימען פון רוה און זיי טרוימען פון גליקען;
זיי לעכצען נאָך ליבע און דורשטען נאָך פריעד —
עס זיינען די מיידלאך פון טרוימען שוין מיעד.

די בלימלאך און מיידלאך זיי וועלקען צוזאמען;
די הערצער ביי ביידען פון בענקשאַפט זיי פלאַמען;
די בלימלאך אין פעלד און די מיידלאך אין שטאָדט —
אָה, העלף זיי, אָה, העלף זיי, אלמעכטיגער גאָט!

דער מענש

דער מענש, ער איז דער שעפער פון דער גרויסער וועלט.
זיין יעדער בליק איז גאָלד; און אוצר — יעדער טראָט;
א פּערעל יעדער טרער — און פאר זיין גייסט־פארלאנג
עס מוז זיך בייגען שד און גאָט!

ער פיהרט דעם שווערען אקער מיט זיין שטארקער האנד;
שניידט אדורך די ערד, ער זעעט דאָרט און פלאַנצט.
ער טרייבט דאָס שפּראָצען צו און שפּאַנט די וואָלקענס איין
און פון דער ערד דער קאָרן — צו דער זון ער טאַנצט.

ער פיהרט די שיפען דורך דעם גרויסען ברייטען ים,
אין דער שוים פון ערד ער לאָזט זיך טיף אריין;
ער נעמט א פעלז אין האנד און שמעטערט איהם אויף שטויב,
און שפּרייט די פליגלען זיינע צו דעם הימעל־שיין.

און וואו דער שנעע צוגעהט קיינמאָל, גראָבט אויך זיין האנד.
און וואו די ערד איז הארט ווי שטאָל, דאָרט דרינגט זיין בליק;
און אויף די וויטסטע מדבר־זאמדען גרייכט זיין פוס
און וואו זיין קראפט עס שניידט זיך איין, דאָרט בליהט דאָס גליק!

ער האָט די שטערן אין די הימלען אויסגעצעהלט;
וואו א פעלד און וואו א וואַלד, אריינגעפיהרט א וועג;
אויף טויזענד וועלטען גרייכט זיין טיפער גייסט —
זיין ריזען־מאכט — פון ברעג צו ברעג.

מעכטיג איז דער מענש. נאָך מעכטיגער פון גאָט!
עס שרעקט איהם ניט קיין שד און אויך ניט קיין געפאהר;
און דאָך, ער שלעפּט א קייט אויף זיך
און ווערט ניט פריי —
דער גרויסער קלוגער נאַר...

י. אדלער

ערגעץ ליגט די נויט באהאלטען

ביי א וויגעל זיצט א מאמע
און זי הוסט;
און איהר קרענקלאכער בן־יחיד
ציהט די ברוסט.
שטיל אין דרויסען, שטיל אין שטיבעל,
ס'איז שוין שפעט;
נור א מייזעל מיט די ציינדלאך
זעגט א ברעט...
זוכען זוכט דאס ארעם מייזעל
ברעקלאך ברויט —
אויך דאס מייזעל פון דעם שטיבעל
ווייסט פון נויט...
זעגט א ברעט און שטערט די שטילקייט
פון דער נאכט —
ערגעץ ליגט די נויט באהאלטען
און זי לאכט...
און אין דרויסען אויף די פעלדער
שלאפט דער ווינד;
איינגעשטילט האט אויך דאס בילען
פון די הינד.
איינגעדרעמעלט האט די מוטער
אויף דער וויג;
אויף א קליין און ברודיג שייבעל
זשומט א פליג...
שטיל אין דרויסען, שטיל אין שטיבעל,
ס'איז שוין שפעט;
נור דאס מייזעל מיט די ציינדלאך
זעגט א ברעט...

הונדערט און פינף און זעכציג

א קינד איז געשטאָרבען

עס זיפצט ביי א וויגעל א קרענקליכע מאמע געבויגען;
עס גוסס'ט איהר קינד און עס גיסען מיט טרערען די אויגען.

דער זיידע, די באָבע, זיי זיצען ביים וויגעל פארטרויערט;
צוקאָפּענס ביים וויגעל דער מלאך־המות ער לויערט...

די זון, דאָרט אין מערב, צושפּילט איז אין בלוט און אין פלאמען;
די זון איז פארגאנגען, די נאכט האָט פארשלונגען די מאמען...

די עלטינקע באָבע, זי צינדט אָן אין פינסטער א ליכטעל,
און געהט צו צום וויגעל און קוקט אויפ'ן טויטען געזיכטעל.

ס'איז געל און פארגליווערט. און פינסטערע שאָטענס עס שוועבען.
פארלאָשען געוואָרען א יונגע נשמה, א לעבען...

מיט טיכער, מיט שווארצע, פארהאנגען די בילדער, דער שפּיגעל;
ניטאָ שוין דאָס קינד. און די מאמע זי וויגט נאָך דאָס וויגעל...

די עלטיטשקע באָבע זי קען זיך קיין אָרט ניט געפינען,
און יאָמערט מיט קולות: „מיין טאָכטער אראָפּ איז פון זינען!“

י אַדלער

אַ מאַמעס האַרץ

אַ קינד ליגט אין וויגעל און גוסס'ט,
עס שטאַרבט אַפּ אַ נחת, עס שטאַרבט אַפּ אַ גליק;
דאָס קינד שליסט אויף אייביג די אייגלאַך.
דאָס האַרץ פון דער מאַמען צורייסט זיך אין שטיק.

מען פיהרט שוין דאָס קינד צום בית־עולם.
עס קאַפּעט אַ רעגען, עס יאָמערט אַ ווינד;
אַט לאָזט מען אַראָפּ שוין אין קבר
דאָס האַרץ פון דער מוטער צוגלייך מיט'ן קינד.

דאָס קינד און דאָס האַרץ פון דער מוטער...
עס רוהט איבער זיי שוין אַ בערגעל מיט ליים;
דער קברן לאָזט וויסען דער מוטער:
„ס'איז אַלץ שוין געענדיגט, איהר קענט געהן אהיים..."

נפתלי

ס'האָט נפתלי ניט קיין ארבייט,
דאָך האָט ער אַ ווייב און קינד;
ווינטער איז אַצינד, און שרעקליך
ווייגט דער בייזער קאַלטער ווינד.

נעהמט דער קאַלטער־מאָרגען גרויען,
לאָזט ער ווייב און קינד אין הויז;
נאָך אַ מאָרגען־צייטונג לויפט ער
אין דער קאַלטער גאַס ארויס.

י. אדלער

שטעלט דעם קאַלנער אויף פון רעקעל,
טהוט א גלעט נערוועז זיין באָרד ;
שטופּט די הענד אין בײדע ארבעל,
מורמעלט עפּעס אוים א וואָרט...

אין דעם פרישען שנעע, נפתלי,
שפּרייזט זיך דורך די ערשטע טריט ;
אונטער זײנע פים, דאָס פרעסטעל
סקריפּעט אוים א הונגער־ליד.

ס'האָט נפתלי שוין א צייטונג,
און ער טוליעט זיך צום וואנד,
און ער לעזט דאָרט : „יאָקיל שינדער
זוכט א גרינע, שנעלע האנד.“

פליהט נפתלי ווי א וויכער
אין דעם טיפען, קאַלטען שנעע ;
פון זיין מויל עס זעצט א פּארע,
און פון הארצען דרינגט א וועה.

און אָט שטעהט אין שאַפּ, נפתלי
און ער בעט דעם דזשאב און בעט ;
מיט א געניץ ענטפערט שינדער :
„ליידער, ליידער שוין צו שפּעט...“

טוט א שווערען זיפץ נפתלי,
ווידער דרינגט פון הארץ א וועה ;
און א גרויסער טרער, א הייסע,
טוט א בריה דעם קאַלטען שנעע...

דער דלות טאנצט

אין א שטילען, אלטען הייפעל
אויף זיין כשוף'דיגען פייפעל,
פייפט דער קאלטער אווענד־ווינט;
פון א שטוב זיך הערט א ניגון:
ס'טוט א מאמע דארט פארוויגען
און פארשלעפערען איהר קינד...

און א גרויער, וויסטער אומעט
שפרייזט ביים וויגעלע ארומעט
און ער פלעכט א שווארצען קראנץ,
און דער דלות, לוסטיג, פרעהלאך,
ווי אן ערשט־געקרוינטער מלך,
אין דעם שטיבעל נעהט א טאנץ...

י. אדלער

דער מלך משה

„עבדים היינו“, זינגט משה דער פרעסער.
זיין שטימע, זי קלינגט אזוי פרעהלאך;
ס'איז גאר ניט קיין חידוש — זיין האדע א „מלכה“
און ער איז א הערשער, א „מלך“.

זיין בעריל, זיין רחל, זיין זוהן און זיין טאכטער,
זיי זיצען מיט שטראלענדע בליקען;
אי וויין, אי חרוסות, אי מצה, אי מרור —
א נאכט פול מיט זעלטענע גליקען!

הונדערט און איין און זיבעציג

דאָס שטיבעל — אַ פּאַלאַץ. אי ליכטיג, אי ציכטיג,
גענגרייט איז צום טרינקען, צום עסען;
אַ גאַנצע מלוכה: אַ מלך, אַ מלכה,
אַ פּרינץ און אַ יונגע פּרינצעסין.

און משה איז קעניג. ער קוועלט פון זיין מלכה,
ער שלינגט מיט די אויגען זיין האָדע;
זיין פּנים זיך רויטעלט, ער שעמט זיך אַביסעל,
מיט חשק ער זופּט די הגדה.

אוועק איז דער סדר, עס הויבט אָן צו טאָגען;
דער מלך שטעהט אויף האַלב־פּאַרשלאָפען;
ער וועקט אויף זיין מלכה, דעם פּרינץ, די פּרינצעסין:
„גענוג שוין, גענוג שוין צו פּאָפען!"

די מלכה מאַכט פרישטיק און גענעצט אָהן אויפהער
און ס'זעצט זיך דער מלך שוין עסען;
ער עסט ניט קיין טויבען, ער טרינקט קיין שאַמפּאַניער,
דאָס זעלבע דער פּרינץ און פּרינצעסין.

און באַלד ווערט צופאַלען די גאַנצע מלוכה:
דער מלך — ער שטעהט שוין ביים אייזען;
די יונגע פּרינצעסין — זי אַרבייט אין שאַפּ איצט,
און חמץ'דיג זיינען די פּרייזען.

דער נעכטיגער פּרינץ'ל — ער לויפט מיט גאַזעטען,
און שפּרינגט אויף די קאַרס און עקספּרעסען;
דאָס פּרינצליכע פּנים מיט שוויים איז באַגאָסען —
פּאַרדינען ער מוז אויפ'ן עסען.

אינהאַלט:

מיין היים.

אידיש — — — — — — — — — — — — — — — — פינף

זומער פויגעל — — — — — — — — — — — — — — זעקס

אין חדר — — — — — — — — — — — — — — — אכט

פרייטאָג צו נאכט — — — — — — — — — — — — דרייצעהן

שבת נאָך טיש — — — — — — — — — — — — ניינצעהן

פאר הבדלה — — — — — — — — — — — דריי און צוואנציג

מאַמישי טייערע — — — — — — — — — — — פיר און צוואנציג

ס'איז געווען א נאכט א שטילע — — — — — — פינף און צוואנציג

זומער — — — — — — — — — — — — — זיבען און צוואַנציג

אין א ווינטער מאָרגען — — — — — — — — — איין און דרייסיג

אָפשייד — — — — — — — — — — — — — צוויי און דרייסיג

איך בין קראנק — — — — — — — — — — — פינף און דרייסיג

פאַפירענע קינדער — — — — — — — — — — זיבען און דרייסיג

מיין מאמע שרייבט — — — — — — — — — — ניין און דרייסיג

וואָלקען, וואָלקען — — — — — — — — — — דריי און פערציג

אין א פחד־נאכט — — — — — — — — — — — זיבען און פערציג

בענקשאפט — — — — — — — — — — — — — אכט און פערציג

די גראָע האָר — — — — — — — — — — — — — — פופציג

א בריוועל — — — — — — — — — — — — — צוויי און פופציג

זמירות — — — — — — — — — — — — — — פיר און פופציג

א טרויער־בילד — — — — — — — — — — — — זעקס און פופציג

תקיעות — — — — — — — — — — — — — — ניין און פופציג

כל נדרי — — — — — — — — — — — — — — איין און זעכציג

שמחת תורה — — — — — — — — — — — — דריי און זעכציג

ביים שוחט אויפ'ן הויף — — — — — — — — — פיר און זעכציג

דער געבורט פון טאָג — — — — — — — — — — זעקס און זעכציג

ר' יאָשע מלמד — — — — — — — — — — — — — — זיבעציג

אן עין הרע — צוויי און זיבעציג
די באָבע דערצעהלט — דריי און זיבעציג
נישט דער נאכטיגאל און נישט דער פידעל — פינף און זיבעציג
ליכט בענשען — זעקס און זיבעציג
אַ פּעקיל בריף — זיבען און זיבעציג
מיינע פּאָרטרעטען — אַכט און זיבעציג

אידישע טעכטער.

דאָס באַהאַלטענע טיכל — דריי און אַכטציג
אין אַ גאָרטען — פיר און אַכטציג
קום — פינף און אַכטציג
חנה'לע — זעקס און אַכטציג
אַ בליהענדער גאָרטען — ניין און אַכטציג
אסתר — ניינציג
אַליין מיט איהר — דריי און ניינציג
מיר פעהלט קיין זאַך — פיר און ניינציג
אויפ'ן טייך — פינף און ניינציג
אויגען־זונען — זיבען און ניינציג
איך וואַרט — אַכט און ניינציג
אַ פאַרזעסענע — הונדערט
די משוגענע כלה — הונדערט און צוויי
צוויי הערצער — הונדערט און דריי
קומט מיר אכתר אויפ'ן זינען — הונדערט און פיר
אַ חלום, אַ שעהנעם... — הונדערט און פינף
אַ פרומע קינד — הונדערט און זיבען
גאָט, באַשיין איהר — הונדערט און ניין
ער האָט געזעהן — הונדערט און צעהן
זי האָט איהם געשריבען — הונדערט און עלף
שבת־רוה — הונדערט און פערצעהן
די רויז — הונדערט און פופצעהן

אויף די רויטע וועגן.

הונגער — — — — — — — — — — — — הונדערט און נײַנצעהן
אַוועק איז דער טאַטע — — — — — — — — הונדערט און צוואַנציג
עס בליהט ניט מעהר דער בוים — — —הונדערט און איין און צוואַנציג
ניט וויינען וועל איך — — — — — הונדערט און דריי און צוואַנציג
דער בלוטיגער טאָג — — — — — — הונדערט און פיר און צוואַנציג
אַמאָל האָט אַ נביא — — — — — — הונדערט און פינף און צוואַנציג
מיין שוועסטער — — — — — — — הונדערט און זעקס און צוואַנציג
מזל ברכה אויף די פעלדער — — — הונדערט און אַכט און צוואַנציג
כ'האָב מיין שטעדטעל ניט דערקענט — — הונדערט און ניין און צוואַנציג
אין טויטען שוויגען... — — — — — — — — הונדערט און דרייסיג

א ל י י ן.

אַהין, אַהין — — — — — — — — הונדערט און פינף און דרייסיג
אין מדבר — — — — — — — — הונדערט און זעקס און דרייסיג
איך, דאָס קינד פון גאָט — — — — — הונדערט און זיבען און דרייסיג
אליין, מיט מיין געוויין — — — — — — — — הונדערט און פערציג

פרעמדע מאָטיווען.

קלעאָפּאַטראַ — — — — — — — — — הונדערט און דריי און פערציג
צווייּ געזאַנגען — — — — — — — — הונדערט און זעקס און פערציג
אַפּאָלאָ — — — — — — — — — — הונדערט און צוויי און פופציג

צווישען גרויע ווענט.

דער פויגעל אין וועלדעל — — — — — — — — הונדערט ניין און פופציג
זיפצען — — — — — — — — — — הונדערט און זעכציג
דו זעהסט? — — — — — — — — הונדערט און איין און זעכציג

דער דיכטער — — — — — — — — — — הונדערט און צוויי און זעכציג
בלימלאַך און מיידלאַך — — — — — — — הונדערט און דריי און זעכציג
דער מענש — — — — — — — — — — הונדערט און פיר און זעכציג
ערגיץ ליגט די נויט באַהאַלטען — — הונדערט און פינף און זעכציג
אַ קינד איז געשטאָרבען — — — — הונדערט און זעקס און זעכציג
אַ מאַמע׳ס האַרץ — — — — — — — — הונדערט און זיבען און זעכציג
נפתלי — — — — — — — — — — הונדערט און אַכט און זעכציג
דער דלות טאַנצט — — — — — — — — הונדערט און זיבעציג
דער מלך משה — — — — — — — — הונדערט און איין און זיבעציג